בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִיש

וְזֹאת הַבְּרָכָה

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**לערן די גרינגע ספרים פון רבי'ן, דאס וועט דיר מאכן אן ערליכער איד.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת כי תצא, ט' אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן פון דיר ווי דו שטארקסט זיך בלימוד התורה, אז דו לערנסט אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן.

עס איז כדאי זאלסט אנהייבן מיטן לערנען קודם די שיחות פון רבי'ן, דאס וועט דיר זיין גרינגער צו פארשטיין; מאך דיר א שיעור אין 'חיי מוהר"ן', און 'שיחות הר"ן' און אין 'ספר המידות', די ספרים וועסטו פארשטיין און דו וועסט טרעפן דערין גרויס חיזוק און ווערן אן ערליכער איד, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנח): "מיט יעדע שמועס וואס איך שמועס מיט ענק, קען מען זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, און אפילו א צדיק גמור א גאנץ לעבן; אן ערליכער איד מיין איך אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד", נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", ווער עס וועט מיר פאלגן און ער וועט טון אלעס וואס איך הייס וועט זיכער ווערן א גרויסער צדיק - זאל עס זיין ווער עס זאל נאר זיין.

שטארק דיר און שטארק דיין ווייב תחי'; איר וועט נאך זען גרויסע ניסים מיט אייער זון ... נרו יאיר.

די גאנצע פרשה וואס דו גייסט אריבער מיט אים וכו' איז נאר געווען דיר אויף צו וועקן פון שלאף אז דו זאלסט אנהייבן לעבן מיט אמונה.

א כתובה וחתימה טובה.

איך שיק דיר דא א בריוו פאר דיין זון.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**גלייב אז נאר דער אייבערשטער קען העלפן, דאס וועט דיר ברענגען דיין ישועה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת כי תצא, ט׳ אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד הבחור היקר ... נרו יאיר.**

דיין טאטע שיחיו האט מיר געבעטן איך זאל דיר שרייבן אפאר ווערטער.

איך בעט דיר זייער טייערער ... נרו יאיר, שטארק דיך מיט אלע דיינע כוחות. נעם אריין אין דיר אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט, דאן וועט דיר דאס לעבן זיין זיס; דו וועסט נישט האבן קיין פחדים און שרעק וכו׳.

עס איז גוט דו זאלסט לערנען יעדן טאג אביסל פון די "צוואת מוהרא"ש" (די צוואה איז דא צו באקומען אין דריי שפראכן: לשון הקודש, אידיש און ענגליש), דאס וועט שטארקן דיין אמונה אינעם אייבערשטן.

מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה (אות ט): "זִכְרוּ הֵיטֵיב וּתְיַישְּׁבוּ עַצְמְכֶם וְאָז תִּרְאוּ כִּי שָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם, וְהַכֹּל הֶבֶל הֲבָלִים", געדענקט גוט און נעמט גוט אריין אין אייער קאפ אז איר האט קיינעם נישט אויף דער וועלט, עס איז א שאד זיך צו פארלאזן אויף מענטשן, "אַף אֶחָד לֹא יָכוֹל לַעֲזוֹר לָכֶם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהַזִּיק לָכֶם", קיינער קען אייך נישט העלפן און זיכער נישט שלעכטס טון, "וְעַל כֵּן אַל תִּירְאוּ וְאַל תֵּחַתּוּ מִשּׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאַל תַּחֲנִיפוּ אֶת שׁוּם בְּרִיָּה, כִּי לֹא יוֹעִיל כְּלָל, אֶלָּא עוֹד יַזִּיק לָכֶם בִּבְרִיאוּתְכֶם", דעריבער זאלט איר נישט מורא האבן פון קיין שום מענטש און איר זאלט זיך נישט חנפ׳נען צו קיינעם, ווייל דאס וועט אייך גארנישט העלפן, פארקערט דאס וועט אייך שאטן צום געזונט, "כִּי כְּשֶׁאָדָם שָׂם בִּטְחוֹנוֹ בְּבָשָׂר וָדָם, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁאֵינוֹ נַעֲשָׂה כִּרְצוֹנוֹ אֲזַי בָּא לִידֵי אַכְזָבוֹת גְּדוֹלוֹת עַד מְאֹד, וְנִשְׁבָּר לְגַמְרֵי, וְנוֹפֵל רוּחוֹ, וְנֶחֱלַשׁ דַּעְתּוֹ", ווייל ווען מען פארלאזט זיך אויף מענטשן און דערנאך זעט מען אז יענער איז נישט אינטערעסירט דיר צו העלפן און ער קען דיר נישט העלפן, דאן ווערט מען זייער אנטוישט און זייער צעבראכן, "אֲבָל בָּזֶה שֶׁמַּכְנִיסִים אֶת עַצְמוֹ לְגַמְרֵי בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, אָז מַצְלִיחִים בְּכָל הָעִנְיָנִים, כִּי אֵינוֹ חוֹנֵף לְשׁוּם בְּרִיָּה, וְכֵן אֵינוֹ מִתְיָרֵא מִשּׁוּם בְּרִיָּה, וְחַי אֶת הַחַיִּים שֶׁלּוֹ", אבער אז מען גלייבט אינעם אייבערשטן און מען פארלאזט זיך אויף אים - איז מען זייער מצליח, עיין שם.

ווי מער דו וועסט חזר׳ן די אמונה וועסטו ווערן מער רואיג און פרייליך.

דער אייבערשטער זאל דיר שיקן א גאנצע רפואה.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**מזל טוב און הכרת הטוב פאר'ן העלפן די מוסדות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת כי תצא, ט' אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד תלמידי היקר ... נרו יאיר.**

איך וואונטש דיר א ברכת מזל טוב בשם די גאנצע מוסד, בשם אלע בחורים פון ישיבה און בשם אלע קינדער פון "תלמוד תורה היכל הקודש", ו"בית חינוך לבנות בית פיגא".

מיר האבן אלע הכרת הטוב פאר דיר פאר אלעס וואס דו האסט אונז געהאלפן במשך די אלע יארן און בעיקר פארן צוזאמשטעלן חודש'ליך די רענט פארן בנין הישיבה, תלמוד תורה און בית חינוך לבנות.

אין דעם זכות זאל דער אייבערשטער דיר העלפן זאלסט זוכה זיין אויף צו שטעלן א בית נאמן בישראל, און דו זאלסט זוכה צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה, אמן.

...

~~~~~~~~~~

**זיך אויסרעדן צום אייבערשטן וועט ברענגען די ישועה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת כי תצא, י"א אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך פריי מיך זייער צו הערן פון אייך אז אייער לעבן ווערט שוין בעסער און איר שפירט זיך שוין אסאך בעסער. איך האב געטראפן אייער מאן נעכטן ביי א חתונה, ער איז געווען זייער פריילין, ער האט מיר געזאגט אז זאכן ווערן ברוך ה' בעסער.

בנוגע טערעפי וכו'; אויב איר שפירט אז דאס העלפט אייך זאלט איר ווייטער ממשיך זיין מיט דעם, אבער אז איר זעט אז עס בלויז גערעדט וכו' אבער אויף למעשה העלפט עס נישט, עס נעמט נאר געלט און צייט פון אייך, דעמאלט זאלט איר דאס אפלאזן.

רעדט צום אייבערשטן יעדן טאג אפאר מינוט, פארציילט אים אלע אייערע שוועריקייטן; רעדט צו אים אויף אייער שפראך, אז ענגליש איז אייער ערשטע שפראך דאן זאלט איר זיך אויס שמועסן מיט אים אויף ענגליש.

אפילו איר שפירט זיך פארקלאפט און איר קענט נישט ארויס געבן אייערע ווייטאגן, דאך זאלט איר עס דערציילן פארן אייבערשטן אפילו אן געפילן, מיט די צייט וועט אייך גרינגער ווערן און איר וועט זיך קענען אויסגיסן אייער הארץ פאר אים.

איך פריי מיך זייער צו הערן אז אייער מאן פירט זיך גוט צו אייך און ער לערענט וכו׳ וכו׳.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**הדרכות ווי אזוי צו פירן די מיידל סקול.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת כי תצא, י״א אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳.**

וואויל איז אייך און וואויל איז אייער חלק אז איר וועט ארויס העלפן אין סקול אנגרייטן די לימודים פארן קומענדיגן יאר תשע״ט הבא עלינו לטובה.

איך קען נישט גענוג דאנקען דעם אייבערשטן פאר די מתנה וואס ער האט אונז געגעבן אז מיר האבן זוכה געווען צו האבן א סקול וואו מיר קענען מחנך זיין אונזערע טעכטער זיי זאלן לעבן מיטן אייבערשטן. אונזערע קינדער - אינגלעך און מיידלעך - קענען זאגן וואס דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו האט געזאגט פאר זיין שווער ווען ער האט אים געפרעגט: ״וואס האסטו געלערנט ביי דיין רבי׳ן?״ האט ער געזאגט: **״איך האב געלערנט אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט״**, האט דער שווער אים אויסגעלאכט און געזאגט: ״ווער ווייסט דען נישט אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט; איך וועל אריין רופן די דינסט און איך וועל איר פרעגן צי זי ווייסט אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, וועט זי אויך וויסן״, אזוי האט ער געטון און די דינסט רופט זיך אן: ״וואסערע פראגע איז דאס? אודאי איז דא א גאט אויף דער וועלט!״

פרעגט ער דעם הייליגן קדושת לוי זכותו יגן עלינו: ״פארוואס האסטו געדארפט אוועק פארן פון שטוב פאר אזא לאנגע צייט צו לערנען אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, די דינסט ווייסט אויך אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט?!״ האט דער הייליגער בארדיטשובער רב זי״ע געענטפערט פאר זיין שווער: **״זי זאגט אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, אבער איך לעב מיט דעם״.**
~~~~~~~~~~

דאס זאגן מיר ווען מען פרעגט אונז פארוואס דארף מען א ברסלב׳ע חדר, פארוואס דארף מען א ברסלב׳ע סקול; אלע אינגלעך און מיידלעך ווייסן דאך אז עס איז דא איין גאט אויף דער וועלט?! נאר דער ענטפער איז: **"זיי זאגן אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, אבער אונזערע קינדער לעבן מיט דעם".**

איר האט אוודאי געהערט און מיטגעהאלטן די מעשה וואס איז געווען דעם זוממער אין מיידל קעמפ מיטן בער; מיר האבן געהאט דעם זוממער אין קעמפ א בער און די פאליציי זענען געקומען און אים געשאסן וכו׳. איינע פון די מיידלעך פון "בית פיגא" איז געווען צופרי אין פעלד אינדרויסן פון קעמפ, זי האט געהאלטן אינמיטן מאכן התבודדות, פלוצלינג באמערקט זי א שווארצע זאך וואס שאקלט זיך, קודם האט זי געמיינט אז דאס איז סתם א שווארצע בעג וואס שאקלט זיך פון די ווינט. פלוצלינג זעט זי א גרויסע בער, דער בער האט זיך אויפגעשטעלט אויף די צוויי פיס און געשטאנען אנטקעגן איר פנים אל פנים, צוויי פיס אוועק פון איר, די מיידל האט זיך נישט פארלוירן, זי האט אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער ראטעווע מיך פון דעם בער, העלף מיר ער זאל מיר גארנישט טון", זי האט אנגעהויבן גיין צוריק וועגס ביז זי איז אריין אין איר שטוב.

אזא מעשה פאסט פאר די מעשה ביכלעך; א יונג מיידל פון צוועלף יאר זאל נישט ווערן פארלוירן ווען זי שטייט צוויי פיס נעבן א גרויסע בער... סתם א קינד וואלט אוועק גע׳חלש׳ט אויפן פלאץ, נישט נאר א קינד נאר אפילו א דערוואקסענער מענטש וואלט אויך צעטומלט געווארן פון שרעק, אבער זי איז געווען רואיג און געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל איר העלפן.

פון דעם זעט מען וואספארא חינוך מיר געבן פאר די קינדער, מען לערנט זיי אויס זיי זאלן לעבן מיט התבודדות; ווען מען לעבט מיט תפילה והתבודדות באקומט מען ישוב הדעת און מען ווערט נישט פארלוירן ווען מען טרעפט זיך אין א צרה.

בנוגע צייכענען די טעסטס וכו׳; מען קען נישט צייכענען אלע טעסטס איינֿיג, וואס זאל טון א קינד וואס האט נישט אזא גוטע קאפ אויפצוכאפן די לימודים? פארוואס זאל אזא קינד ווערן צעקלאפט וואך נאך וואך ווען מען דערזעט זיך מיט א שוואכע צייכן וכו׳?! דעריבער דארף מען צייכענען די טעסט לויטן קינד; פאר א קינד וואס פראבירט צו פארשטיין און מיטהאלטן וכו׳ דארף מען צייכענען א גוטע צייכן, (מען שרייבט צו אין די זייט דעם ריכטיגן ענטפער וכו׳) אבער מען קען נישט צייכענען בשום אין אופן לויט די בחינה.

ווען מיר האבן ווען א סקול וואס געבט ארויס מיידלעך דאקטורים, לויערס, בוקקיפערס וכו׳ דעמאלט דארף מען טאקע זען ווער עס קען יא און ווער עס קען נישט, אבער ברוך השם מיר האבן דאס נישט און מיר ווילן נישט דאס פאר אונזערע קינדער, מיר ווילן אונזערע מיידלעך זאלן חתונה האבן און זיין אידישע מאמע׳ס, איז פארוואס זאל א קינד אויפוואקסן אלע יארן אין סקול מיט די געפיל אז ׳איך בין צווייט-קלאסיג ווייל איך האב א שוואכע קאפ?!׳

בנוגע די ענגלישע טיטשערס, צי זיי זאלן רעדן נאר ענגליש וכו׳; ווען מען לערנט מיט די מיידלעך די ענגלישע שפראך, שרייבן וכו׳, דעמאלט זאלן זיי רעדן ענגליש אבער ווען זיי לערנען מיט די קינדער אנדערע לימודים זאלן זיי רעדן אידיש כדי אידיש זאל זיין זייער ערשטע שפראך; די ענגלישע טיטשערס זענען גארנישט אנדערש פון די אידישע טיטשערס,ביידע פון זיי דארפן האלטן פאר זייערע אויגן וואס דער עיקר איז און ביידע טיטשערס דארפן געדענקען אויפצוהייבן אלע קינדער וכו׳ און אריין לייגן אין זיי ליבשאפט און ווארימקייט וכו׳.

בנוגע לערנען היסטאריע מיט די מיידלעך, ווער עס איז געווען דער ערשטער פרעזידענט וכו׳; דאס פעלט בכלל נישט אויס. מיר דארפן האלטן שטענדיג פאר די אויגן אז די מיידלעך גייען חתונה האבן און זיין מאמעס, וואס וועלן זיי מיט נעמען פון זייערע יונגע יארן? וויפיל פראצענט נעמט א מיידל מיט אויף נאך די חתונה פון אלע יארן פון סקול? ברוך ה׳ ביי אונזער סקול נעמען די מיידלעך מיט יעדע מינוט פון זייערע יארן אין סקול; אנגעהויבן מיטן דאווענען, דאס וועלן זיי טון זייער גאנץ לעבן. נאכן דאווענען טאנצן די מיידלעך - דאס איז אן עיקר פאר זיי, אז מען טאנצט און מען איז פרייליך פאלן אוועק אלע פראבלעמען, נאך די חתונה וועלן זיי טאנצן מיט זייערע קינדער אין שטוב, דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן. הלכות ברכות, הלכות שבת דאס זענען זייער וויכטיגע הלכות; א אידישע מאמע דארף קענען הלכות שבת ישר והפוך, אז נישט ווי קען זי אריין גיין אין קאך שבת אן מחלל שבת זיין, דער הייליגער צדיק רבי יונתן אייבשיץ זכר צדיק לברכה שרייבט (יערות דבש חלק ב׳, ב): ״ווער עס האט נישט דורכגעלערנט הלכות שבת אפאר מאל איז נישט מעגליך ער זאל נישט עובר זיין אויף הלכות שבת״, עיין שם. נישט אלע קינדער קומען פון שטובער וואס די עלטערן קענען הלכות וכו׳, ווער זאל אויסלערנען פארן קינד ווען די קלייד ווערט שמוציג אז מען טאר דאס נישט אפוואשן מיט וואסער ווייל דאס איז חילול שבת דאורייתא?! אז מען לערנט נישט אין סקול הלכות שבת ווער וועט אויסלערנען ווי צו מאכן אום שבת א גרינצייג

סאלאט אן חילול שבת?! ווער וועט אויסלערנען ווי צו אנגרייטן די אייער שבת ווען מען קען עובר זיין אויף אפאר איסורים בורר, לש, טוחן וכו׳ וכו׳?!

אזוי אויך לגבי דעם פראגראם פון "מעשיות פון תפילה", יעדע מיידל דערציילט א מעשה פון תפילה; דאס וועלן זיי מיט נעמען מיט זיך זייער גאנץ לעבן, סיי אויף די וועלט און סיי אויף יענע וועלט. זיי וועלן שטענדיג וויסן א וועג ארויס פון א פראבלעם.

אזוי אויך דארפן זיי קענען שרייבן; זיי וועלן שרייבן מצוה צעטלעך פאר זייערע קינדער אין אידיש, און אזוי אויך דארף מען קענען שרייבן ענגליש וכו׳.

איך זוך נישט אהער צו שטעלן אונזער סקול אין פארגלייך צו אנדערע סקול׳ס, איך גיי אויף גאר אן אנדערע וועג ווי זיי; איך וויל אויפשטעלן ערליכע אידישע שטובער, געזונטע מאמעס און געטרייע ווייבער פאר זייערע מענער. איך בין מתפלל יעדן טאג פאר יעדן תלמיד און תלמידה אז זיי זאלן מצליח זיין אין לעבן, אלע זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן ערליכע אידישע שטובער; איז וואויל איז פאר אייך אז איר וועט מיר העלפן מיטן אנגרייטן די לימודים פאר די טיטשערס.

מיר דארפן דאנקען אונזער מנהלת מרת ... תחי׳ פארן אויספירן איר שליחות מיט די גרעסטע נאמנות וואס איז שייך; זי לייגט אריין אלע אירע כוחות אין די קינדער זיי זאלן אויסוואקסן אזוי ווי עס דארף צו זיין. קיינער ווייסט נישט וויפיל כח און מיה מיר לייגן אריין אין יעדן קינד; אפילו די וואס באדאנקען זיך, ווייסן נישט באמת וואס פאר אן ארבעט ליגט אונטער יעדן קינד. נישט אייביג קען מען אריין מישן עלטערן וכו׳, אסאך מאל דארפן מיר האבן שלאפלאזע נעכט צו טון דאס בעסטע פאר די קינדער אן דעם וואס איינער זאל אפילו וויסן דערפון, דעריבער וויל איך איר זאלט ארבעטן צוזאמען מיט איר, יעדע זאך זאל ווערן אויסגעשמועסט מיט איר.

איר פארשטייט אליינס אז איינע פון די שווערסטע זאכן איז פירן א מוסד; ווען אלע וואלטן געטראכט אייניג, ווען אלע וואלטן געהאט די זעלבע מיינונג, וואלט געווען א מחי׳ צו פירן א מוסד, אבער דער אייבערשטער האט אנדערש באשאפן די וועלט, יעדער מענטש טראכט אנדערש, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות נח:): "כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶן שׁוֹנוֹת כַּךְ דֵּעוֹתֵיהֶן שׁוֹנוֹת", אלע טראכטן אנדערש; ממילא דארף מען קענען יעדן איינעם אויסהערן און זען וואס מען קען בעסער מאכן וכו׳.

די אלע עלטערן וואס שיקן ביי אונז אינעם מוסד האבן אנדערע מיינונגען, יעדער וויל א משהו אנדערש פונעם צווייטן וכו׳; דארף מען זיין זייער שטארק נישט צו ווערן צעפאלן ווען יעדער איינער וויל עפעס אנדערש. אבער מיט איין זאך זענען מיר פאראייניגט, אלע ווילן מיר אויפציען קינדער וואס לעבן מיטן אייבערשטן, אלע

עלטערן זענען אייניג מיט דעם אז מיר ווילן אויפציען די קינדער מיט אמונה אין הייליגע צדיקים, בפרט אינעם הייליגן רבי'ן. אלע ווילן מיר אויפציען קינדער זאלן זיין געזונט צו קענען חתונה האבן, קינדער וואס וויסן זיך צו היטן פון נישט גוטע מעשים וואס פאסירט צווישן מיידלעך השם ישמרינו. די מנהלת רעדט צו די מיידלעך קלארע ווערטער וכו' זיי זאלן וויסן זיך צו היטן פון נישט גוטע מעשים און פון נישט געזונטע נאנטקייט וכו', דער אייבערשטער זאל אונז שומר ומציל זיין פון דעם.

געלויבט דעם אייבערשטן אז יעצט איז אריבער גאנצע צען יאר זינט מיר האבן געעפענט די ישיבה; זייער אסאך טענות איז דא אויף די ישיבה, פארוואס טוט מען נישט אזוי? פארוואס מאכט מען נישט אזוי וכו' וכו'? איין זאך האלט איך שטענדיג פאר די אויגן: 'ווי אזוי קען איך געבן פאר די תלמידים הדרכה פאר צען יאר ארום? וואס נאך קען איך זיי אנגרייטן פאר זייער גרויסער סורפרייז וואס ערווארט זיי - "זייער לעבן"; זיי זאלן זיך קענען אן עצה געבן מיט דעם?'

אנדערע זאגן אז ווען מען פירט א ישיבה דארף מען קוקן אויף "יעצט"; 'יעצט' זאל עס האבן א פנים פון א ישיבה למצוינים, 'יעצט' זאל זיין א ערליכע בילד וכו' וכו', עס אינטערעסירט זיי נישט וואס גייט זיין שפעטער מיט די תלמידים. אבער מיר פרובירן צו קוקן אויף שפעטער - ווען דער בחור גייט חתונה האבן, ער גייט ארויס גיין פון די כותלי הישיבה, ער גייט זוכן פרנסה - ווי אזוי קען מען אים צוגרייטן ער זאל וויסן אז מען דארף דאווענען דריי מאל א טאג, מען דארף האבן שיעורים אין די הייליגע תורה; מיר גרייטן אים צו א וועג ער זאל קענען לערנען אויפן באס, טרעין און אפיס וכו', ער זאל וויסן ווי אזוי זיך אויס צו קומען מיט א ווייב און קינדער.

אזוי אויך מיט די סקול; מען קען נישט קוקן אויף 'יעצט' וכו', נאר מען דארף אלץ טראכטן: 'וואס קענען מיר געבן פאר די קינדער פאר זייער לעבן?'

פרובירט אויס וואס איך זאג אייך; שטעלטס אפ א פרוי - נישט קיין חילוק ווער זי זאל זיין - און פרעגט איר: "וואס האסטו היינט צו טאגס פון אלע יארן וואס דו האסט געלערנט אין סקול?" "וויפיל פראצענט פון סקול דארפסטו האבן פאר דיין לעבן?", דער תירוץ וועט זיין: "גאר א קליינע פארצענט"; ווייל מען קוקט אלץ אויף 'יעצט', קיינעם גייט נישט אן צו מחנך זיין קינדער צו זיין געטרייע ווייבער פאר זייערע מענער, זיי זאלן וויסן אז חבר'טעס איז נישט די לעבן, אז פרענדס איז פונקט גוט אמאל אמאל זיך צו טרעפן וכו', אבער דער טאג טעגליכער לעבן איז די מאן און די ליכטיגע קינדער. אדער אריין באקן אין קינדער דאס גרויסקייט פון רעדן צום אייבערשטן, דאס גרויסקייט פון זאגן תהילים; וואו אין די וועלט האט איר אזא זאך אז מיידלעך זאלן יעדן טאג

ענדיגן דעם יום תהילים?! וואו אויף די וועלט האט איר אזא זאך אז מיידלעך זאלן לעבן און אטעמען מיטן אייבערשטן ווי די "בית פיגא" מיידלעך?!

איך בעט יעדן טאג פאר אלע וואס ארבעטן אינעם מוסד - סיי מיט די אינגלעך און סיי מיט די מיידלעך - אז זיי זאלן מצליח זיין. אזוי אויך יעצט ווען מיר פארן שוין באלד קיין אומאן, דארט ביים הייליגן רבינ'ס ציון בין איך מתפלל פאר אלע תלמידים, ובפרט פאר די וואס העלפן מיר מיט די מוסדות וואס דאס איז ביי מיר די חשוב'סטע זאך.

איך האב אביסל מאריך געווען אינעם בריוו ווייל דאס איז נוגע אויך פאר אלע טיטשערס און פאר אלע וואס ארבעטן מיט קינדער.

אין דעם זכות וואס איר וועט העלפן די סקול זאלט איר האבן נחת פון אייערע קינדער געזונטערהייט צוזאמען מיט אייער מאן נרו יאיר.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**חודש אלול איז מסוגל צו פארריכטן די פגמי הברית, דורכדעם איז מען זוכה צו שלום בית.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת כי תצא, י"ב אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

יעצט ווען מיר שטייען אין חודש אלול איז א צייט וואס מען קען זוכה זיין צו האבן א גוטע שלום בית, אזוי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן פז): "דַּע, שֶׁכַּוָּנַת אֱלוּל הֵם תִּקּוּן לִפְגַם הַבְּרִית", חודש אלול איז מסוגל צו פארריכטן פגם הברית, "וְלִפְעָמִים, מֵחֲמַת זֶה הַפְּגָם יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זִווּגוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁנָּטָה מִזִּוּוּגוֹ קָשֶׁה לוֹ לִמְצֹא אֶת זִוּוּגוֹ", ווייל ווען א מענטש זינדיגט אין פגם הברית פארלירט ער זיין שידוך, "וַאֲפִילּוּ אִם יִמְצָא אֶת זִוּוּגוֹ, תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ", און אפילו איינער וואס האט שוין חתונה געהאט, אויב איז ער פוגם בברית - ער היט זיך נישט זיינע אויגן און ער קוקט עבירות, וואס דאס ברענגט צו פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה, וועט זיך זיין ווייב קריגן מיט אים, וואס ער וויל וועט זי דווקא זאגן פארקערט וכו'.

זאגט דער רבי: "וְחֹדֶשׁ אֱלוּל אָז יְכוֹלִין לְתַקֵּן זֶה", אין חודש אלול קען מען פארריכטן וואס מען האט פוגם געווען בפגם הברית, "אֲזַי מוֹצֵא זִוּוּגוֹ", ממילא איז מען דעמאלט זוכה צו טרעפן א שידוך, "וְהִיא אֵינָהּ כְּנֶגְדּוֹ, רַק כִּרְצוֹנוֹ", און זי וועט נישט זיין קיין כנגדו, נאר זי וועט מיט גיין מיטן מאן.
~~~~~~~~~~~

זעט מען פון דעם אז שלום בית איז תלוי אינעם מאן; אויב מען טוט תשובה, מען פארעכט אלע שלעכטע מעשים איז מען זוכה צו האבן שלום בית.

איך האף אז דו לערנסט נאך דיינע שיעורים כסדרן, בעיקר א דף גמרא וואס דאס איז די גאנצע הצלחה פונעם טאג.

זיי געזונט און שטארק.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון "שבת"; זיך פרייען מיטן שבת; נישט ארייינלאזן דעם שטן אין שטוב דורך מחלוקת, בפרט ערב שבת - א תפילה דערויף; דאס גרויסקייט פון אייגענע תפילות; איבער די קומענדיגע חתונה אין ישיבה קאמבאנירט מיט א סיום הש"ס דורכן חתן ביים קבלת פנים; מודעה איבער די "אומאן פארברענג".**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת כי תצא, י"ג אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אז מען היט שבת איז דער אייבערשטער מוחל אלע עבירות; אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (שבת קיח:): "כָּל הַשּׁוֹמֵר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ, אֲפִילּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ מוֹחֲלִין לוֹ", ווער עס היט שבת, איז אים דער אייבערשטער מוחל אויף אלע זיינע עבירות, אפילו ער איז זייער זינדיג און ער האט געדינט עבודה זרה רחמנא לצלן.

נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (מדרש תנחומא בראשית, סימן ג): "עוֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת", ווען א מענטש איז פרייליך שבת, ווערט דאס גערעכנט אזוי ווי ער וואלט געפאסט טויזנט תעניתים; דעריבער דארפן מיר פראבירן זייער שטארק צו זיין פרייליך שבת, וועט דער אייבערשטער אונז העלפן אז מיר וועלן זוכה זיין צו פאררעכטן אלעס וואס מיר האבן פוגם געווען.

געב אכטונג נישט אריין צו לאזן ביי דיר אין שטוב דעם יצר הרע; היט זיך פון מחלוקת וועט ער נישט האבן קיין שום שליטה אויף דיין שטוב. וויסן זאלסטו אז דער ס"מ וויל נאר איין זאך: 'מאכן א פירוד צווישן מאן און ווייב', בפרט ערב שבת; דעמאלט זוכט ער נאר ווי ער קען מאכן א פירוד. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, ו) אז די שדים און מזיקים זענען באשאפן געווארן ערב שבת בין השמשות; דעמאלט איז
~~~~~~~~~~~

זייער צייט, זיי זוכן ווי זיי קענען מאכן א קריגערייי אין אידישע שטובער, צווישן מאן און ווייב און צווישן עלטערן מיט די קינדער.

ווי אזוי קען מען זיין אפגעהיטן פון דעם? נאר אז מען בעט דעם אייבערשטן; איך שרייב דיר א קורצע תפילה, דאס זאלסטו מתפלל זיין יעדע וואך ערב שבת, וועסטו זוכה זיין צו האבן שיינע שבתים.

**"רבונו של עולם טאטע געטרייער, העלף מיר און גיב מיר א שיינע שבת און א שיינע לעבן; א לעבן מיט שלום, איך זאל מיך פארשטיין מיט מיין ווייב און איך זאל איר שעצן. רבונו של עולם העלף מיר איך זאל האבן ערליכע קינדער וואס וועלן דיר דינען מיט ליבשאפט.**

**הייליגער באשעפער העלף אונז, געב אונז שכל מיר זאלן איינעם דעם צווייטן מכבד זיין. העלף מיר איך זאל שטענדיג געדענקען וואס דער רבי זאגט אז אויב מען איז מכבד די ווייב איז מען זוכה צו עשירות, העלף מיר בזכות אלע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דיין כבוד וועגן, בפרט רבינו נחמן בן פיגא ורבינו אליעזר שלמה בן מנחם זאב זכותם יגן עלינו".**

לייג אויך צו דיינע אייגענע תפילות, ווייל די תפילות וואס א מענטש בעט אויף זיין אייגענע שפראך גייט ארויף גלייך צום אייבערשטן און די מקטריגים האבן נישט קיין שליטה אויף די סארט תפילות, אזוי ווי דער רבי געבט א משל (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן צז): "כְּמוֹ, לְמָשָׁל, עַל הַדֶּרֶךְ הַכְּבוּשָׁה, הַיָּדוּעַ וּמְפֻרְסָם לַכֹּל - שָׁם אוֹרְבִים רוֹצְחִים וְגַזְלָנִים תָּמִיד, מֵחֲמַת שֶׁיּוֹדְעִים מִדֶּרֶךְ זֶה כְּבָר, אֲבָל כְּשֶׁהוֹלְכִין בְּנָתִיב וְדֶרֶךְ חָדָשׁ, שֶׁאֵינוֹ נוֹדָע עֲדַיִן, שָׁם אֵינָם יוֹדְעִים לֶאֱרֹב שָׁם כְּלָל", אויפן געהעריגן וועג וואו אלע פארן דארטווארטן און לאקערן אלע רוצחים צו בא'גזל'נען די וואס פארן אריבער, אבער אז איינער גייט אויף א נייעם וועג וואו קיינער איז נאך נישט געגאנגען, דארט קומען נישט די רויבערס. אזוי אויך זאגט דער רבי איז מיט תפילה, ווען מען מאכט אייגענע תפילות, אויף יענעם וועג לאקערן נישט די קליפות ומקטריגים אויף די תפילות, נאר די תפילות גייען ארויף גלייך צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן גרויס שפע אויפן גאנצע וואך בזכות דעם וואס דו פרייסט זיך שבת, אזוי ווי עס שטייט (משלי י, כב): "בִּרְכַּת ה' הִיא תַעֲשִׁיר" - זו שַׁבָּת (עיין ירושלמי ברכות פרק ב, הלכה ז) בזכות וואס מען איז מכבד שבת ווערט מען רייך, "וְלֹא יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ", און מען ווערט אפגעהיטן פון אלעם שלעכט.

דעם קומענדיגן זונטאג פרשת כי תבוא פארן מיר אהיים פון קעמפ.

דעם קומענדיגן וואך וועט נישט זיין קיין שיעור מאנטאג נאכט; מאנטאג קומט פאר א חתונה אין ישיבה, אזוי אויך א סיום הש״ס. דער חתן מאכט א סיום הש״ס, דער סיום וועט פארקומען ביים קבלת פנים.

אלע תלמידים זענען געלאדנט צו די חתונה; די סעודה איז נאר פאר די משפחה, אבער צום טאנצן זענען אלע געלאדנט.

געב איבער פאר דיין ווייב תחי׳ אז עס וועט אם ירצה ה׳ פארקומען א שיינע ״אומאן פארברענג״ דינסטאג פרשת נצבים, א טאג בעפאר מיר פארן קיין אומאן.

א פרייליכן שבת.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**די הערליכע תוצאות פון זיך געפונען צען וואכן אין ״מחנה היכל הקודש ברסלב״; אריינגעמען אין קאפ ווי זינלאז עס איז צו שפענדן געלט אויף טייערע שמחות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ לסדר ״כי תבא לאומאן״, ט״ו אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

חסדי השם יתברך אז מיר האבן געהאט זייער א שיינעם זומער; א גאנץ יאר ווארט איך אויף די צען זומער וואכן. דער קעמפ איז אזוי ווי א ריהעב, א פלאץ וואו מען היילט זיך אויס, א פלאץ וואו מען אטעמט אמונה; וואו מען גייט און וואו מען שטייט הערט מען שמועסן פון אמונה, תפילה, שמחה וכו׳ וכו׳.

געלויבט דעם אייבערשטן אז אלע משפחות וואס זענען געווען דא צוזאמען דעם זומער אין קעמפ ״מחנה היכל הקודש ברסלב״ האבן זיך אויפגעפירט זייער איידל און שיין, מען האט זיך געהאלפן איינעם דעם צווייטן, זיך ליב געהאט און געקוקט גוט איינער אויפן צווייטן.

וויסן זאלסטו אז ביים רבי׳ן איז א גרויסער יסוד תמימות ופשיטות; ווי מער תמימות מען האט אלץ מער איז מען זוכה צו מקבל זיין פון הייליגן רבי׳ן. דערפאר זעט מען אז די ספרד׳ישע אידן כאפן זיך זייער צו צום הייליגן רבי׳ן, ווייל ביי זיי איז די אמונה זייער שטארק, דערפאר וואס זיי זענען זייער גרויסע תמימים.
~~~~~~~~~~~

מארגן וועט נישט זיין קיין שיעור ווייל עס קומט פאר א חתונה אין ישיבה; געלויבט דעם אייבערשטן אז מען האלט שוין ביי די דריטע חתונה אין ישיבה, דריי חתנים תלמידי הישיבה וואס זענען קלוגע חתנים, זיי דארפן נישט קיין טייערע שמחות, זיי ווילן פשוט'ע שמחות עס זאל נישט קאסטן פאר די עלטערן קיין געלט.

איך וועל מיר זייער פרייען דיר צו זען ביי די חתונה, ווייל אינו דומה שמיעה לראיה; א זאך וואס מען זעט מיט די אויגן ווערט פארווירקליכט ביים מענטש אין קאפ, אזוי וועט דיר אויך אריין גיין אין קאפ אז עס איז א שאד אויס צו געבן פאר אפאר שעה טויזנטער דאללער, ווען מען קען דאס אלעס איינשפארן.

א חתונה אין ישיבה איז מיר א פערזענליכע שמחה; איך האף אז אלע תלמידים פון ישיבה וועלן אזוי גיין צו זייער חתונה - פשוט'ערהייט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**זיך מחי' זיין מיט די גוטע זאכן וואס מען האט; זיך פרייען אז מ'איז א איד! נזהר זיין אין מקוה יעדן טאג.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' לסדר "כי תבוא לאומאן", ט"ז אלול, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

פארוואס ביסטו אזוי צעבראכן? פארוואס זאלסטו זיך לאזן צעברעכן פונעם יצר הרע?! פריי דיך מיט די גוטע זאכן וואס דו האסט.

פריי דיך מיט דעם וואס דו ביסט א איד; דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו פלעגט זאגן די ברכות השחר הויך אויפן קול, איין טאג האט ער אויסגעלאזט די ברכה "שלא עשני גוי", איז איינער צוגעגאנגען צו אים און אים פארגעהאלטן: "רבי, איר האט אויסגעלאזט די ברכה פון שלא עשני גוי", האט אים דער הייליגער קדושת לוי געזאגט: "איך האב שוין געמאכט היינט די ברכה! ווען איך בין אויפגעשטאנען אינדערפרי בין איך געווען זייער צעבראכן ביי זיך, איך האב נישט געקענט טרעפן קיין שום זאך מיט וואס איך זאל זיך קענען מחיה ומחזק זיין, האב איך געטראכט צו מיר: 'א איד בין איך דאך, איך בין נישט קיין גוי', און פון גרויס שמחה האב איך מיך נישט געקענט איינהאלטן, האב איך גלייך געמאכט די ברכה "שלא עשני גוי", און מיט דעם האב זיך מחי' געווען".
~~~~~~~~~~

זעט מען פון דעם אז אסאך מאל קומט דער יצר הרע און מאכט דעם מענטש זאל ווערן זייער דעפרעסט און מען קען זיך נישט מחזק זיין מיט גארנישט, דארף מען זיך פרייען מיט דעם אז ׳א גוי בין איך נישט, איך בין א איד׳; דאס איז אן עצה צו זיין פריילִיך, זיך מחי׳ זיין מיט דעם וואס מען איז א איד.

זע צו גיין אין מקוה יעדן טאג ועסטו פטור ווערן פון אלע צרות, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות המתקת הדינים, סימן כב): ״עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה״.

היינט נאכט איז דא א חתונה אין ישיבה, איך ווארט דיר צו זען.

זיי געזונט און שטארק.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**ווען מען רעדט צום אייבערשטן דארף מען לייגן אלע נגיעות און דעם ׳זיך׳ אין דער זייט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ לסדר ״כי תבוא לאומאן״, י״ז אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אין אומאן איז געווען א קריגעריי צווישן הרב החסיד ר׳ שמשון בארסקי זכרונו לברכה און הרב החסיד ר׳ געצל זכרונו לברכה;ביידע פון זיי זענען געווען גרויסע ערליכע אידן עובדי ה׳, אבער זיי זענען זיך נישט אויסגעקומען צווישן זיך. ר׳ שמשון האט זיך געפירט צו דאווענען רואיג און שטיל, און ר׳ געצל פלעגט דאווענען מיט קולי קולות.

אזוי אויך האט ר׳ שמשון ז״ל אויס געלערנט אלע וואס פלעגן אים אויס הערן אז זיי זאלן זיך פירן בדרכי נועם; אפילו ווען מען איז פארנומען מיט עולם הזה זאל מען זיין דבוק צום אייבערשטן. ווידעראום ר׳ געצל האט געהאלטן פארקערט, אז מען דארף זיך אינגאנצן אפשיידן פון דער וועלט און עס זאל גארנישט אינטערעסירן וואס טוט זיך אויף די וועלט.

צוליב די מיינונגס פארשידנהייטן פלעגן זיי זיך שטענדיג קריגן צווישן זיך. ווען ר׳ אברהם ב״ר נחמן ז״ל איז געקומען פון ארץ ישראל קיין אומאן האט מען אים
~~~~~~~~~~

געבעטן צי ער קען מאכן שלום צווישן זיי, האט ער געזאגט אזוי: "איך וויל נישט האבן קיין שייכות מיט די גאנצע זאך;ביידע פון זיי מאכן נישט קיין התבודדות".

ווען אנשי שלומינו האבן דאס געהערט האבן זיי זיך זייער געוואונדערט: 'וואס הייסט זיי מאכן נישט קיין התבודדות?' ווייל אלע האבן געוויסט אז ביידע פון זיי - סיי ר' שמשון און סיי ר' געצל ז"ל זענען גרויסע עובדים און זענען זיך מתבודד שעות על גבי שעות, האט ר' אברהם בר נחמן זיי געזאגט: "מיר האבן געלערנט ביים רבי'ן אז א מענטש זאל זיך איבער געבן צום אייבערשטן, זיך אינגאנצן מבטל זיין און גארנישט ווערן".

ווען מען איז זיך מתבודד דארף מען דעם 'זיך' ארויס נעמען פונעם בילד, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן נב) אויף דאס וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ג, ד): "רַבִּי חֲנִינָא בֶּן חֲכִינַאי אוֹמֵר: הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי וְהַמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ", אז דאס גייט ארויף אויף התבודדות; "הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה", איינער וואס איז אויף ביינאכט, "וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי", ער גייט אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, "וְהַמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה", און ער איז זיך מתבודד מיטן אייבערשטן ביז ער ווערט בטל צום אייבערשטן, ער וויל שוין גארנישט, דעמאלט איז ער זוכה: "הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ", אז ער ווערט נכלל במחוייב המציאות - אינעם אייבערשטן וואס איז דער חיוב המציאות.

וואויל איז דעם וואס פאלגט דעם הייליגן רבי'ן און איז זיך מתבודד מיטן אייבערשטן בתמימות ופשיטות, וועט ער זוכה זיין צו די גרעסטע מדריגות.

זיי געזונט און שטארק.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**עצות פאר די געזונט פון די ווייב.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' לסדר "כי תבוא לאומאן", י"ז אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיי בודק דיינע מזוזות און דיינע תפילין.
~~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דיין ווייב זאל זיין געזונט און שטארק, אויך זאל דיין קינד האבן א רפואה שלימה.

מאך א פדיון נפש פאר דיר, פאר דיין ווייב און פאר דיינע קינדער; די געלט זאל גיין פאר הדפסה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**א דאנק פאר'ן אזויפיל ארויסהעלפן אין קעמפ און בכלל די מוסדות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' לסדר "כי תבוא לאומאן", י"ט אלול, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך דאנק דיר פארן אהער שטעלן אזא שיינע זוממער. יעדע זוממער ווערט דער קעמפ שענער און שענער און עס ווערט מיר גרינגער - אלעס נאר בזכות די געטרייע תלמידי הישיבה וואס מאכן מיר גרינגער דורך אראפ נעמען פון מיר אלע זאכן וואס דארפן ווערן ערלעדיגט.

דאס וואס דו האסט געטון די יאר אין קעמפ האב איך אליינס געטון די ערשטע יארן ווען איך האבן געעפענט די ישיבה, איך פלעג דעמאלט אליינס רייניגן דעם קעמפ. פרעג די תלמידים וואס האבן געלערנט די ערשטע יארן אין ישיבה ווער עס פלעגט אויפקערן די ישיבה יעדע נאכט, ווער עס פלעגט וואשן די בית כסא יעדן טאג - אלעס האב איך אליינס געטון, דעריבער דאנק איך דיר פאר אלעס וואס דו טוסט מיר גרינגער צו מאכן.

איך דאנק דיר פארן העלפן אהער שטעלן די חתונה אין ישיבה דעם פארלאפענעם מאנטאג נאכט; ברוך השם אז צעביסלעך גייען אריין די אלע דרשות און בריוון וואס מהורא"ש האט יארן גערעדט און געשריבן פאר אנשי שלומינו אז א שמחה דארף נישט קאסטן קיין געלט. מוהרא"ש האט געבויט א זאל אין יבניאל און מוהרא"ש שרייבט: "איך האב געבויט די זאל אז א חתונה זאל נישט קאסטן קיין געלט פאר די מחותנים, מען זאל קענען חתונה מאכן בחינם"; למעשה זעט מען היינט ווי אנשי שלומינו הייבן אן מקיים זיין וואס מוהרא"ש האט אלע יארן גערעדט.
~~~~~~~~~~~

דעם ווינטער וועט אם ירצה ה׳ פארקומען נאך עטליכע חתונות אין ישיבה; איך זאג צו פאר אלע מיינע תלמידים וואס וועלן חתונה האבן אין ישיבה אויף א פשוט׳ע אופן אז זיי וועלן זוכה זיין צו האבן ערליכע קינדער.

זארג נישט פאר דיין שידוך; דו וועסט זוכה זיין צו א גוטע שידוך. דערווייל דארפסטו זיך דערהאלטן מיט אלע דיינע כוחות.

זיי געזונט און שטארק.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**נאר מיט תפלה וועסטו טרעפן דיין שידוך.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ לסדר ״כי תבוא לאומאן״, י״ט אלול, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

קודם כל דאנק איך דיר פאר אלעס וואס דו האסט מיר געהאלפן אין קעמפ, דורכדעם נעמסטו א חלק אין אלע תורה ותפילה וכו׳ וואס איז ארויס פון דעם קעמפ.

איך האב ליב אלע מיינע תלמידים פונקט ווי מיינע אייגענע קינדער; די הייליגע חכמים זאגן (ירושלמי ברכות פרק ב, הלכה ח): ״תַּלְמִידֵיהּ דְּבַר נָשָׁא חָבִיב עָלֵיהּ כִּבְרֵיהּ״, ריש לקיש איז געזעצן שבעה ווען זיין תלמיד איז נפטר געווארן, ווייל תלמידים זענען באליבט אזוי ווי אייגענע קינדער; אבער נאך מער האב איך א געפיל פאר די תלמידים וואס העלפן מיר אויפבויען די ישיבה, חדר און בית פיגא.

מיין הארץ גייט אויס פאר דיר ווען איך ליין דיינע ווערטער אז עס איז דיר אזוי שווער צו זיין א בחור איינער אליינס, דו ווילסט אזוי שטארק חתונה האבן און אנהייבן צו לעבן א ריינע לעבן. איך בעט דיר טייערער ... נרו יאיר: זיי שטארק און געב נישט אויף, נאך אביסל וועסטו זוכה זיין חתונה צו האבן; דערהאלט זיך מיט אלע כוחות.

נעם דעם רבינ׳ס עצה פון התבודדות; זוך דיר אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און דו זאלסטו זיך אויסגיסן דיין הארץ צום אייבערשטן. זאג פארן באשעפער: **״רבונו של עולם טאטע זיסער, העלף מיר איך זאל שוין טרעפן מיין שידוך; עס איז מיר אזוי שווער צו זיין א בחור איינער אליינס. דער יצר הרע ברענט אין מיר אוןווארפט מיר אראפ יעדן טאג נאכאמאל און נאכאמאל, ער ווארפט מיר אראפ אין די עבירה פון**
~~~~~~~~~~~

**פגם הברית, איך האלט עס נישט אויס, איך וויל נישט טון די אלע עבירות אבער איך בין אזוי ווי א געבינדענע מענטש אן קיין בחירה.**

**טאטע זיסער, טאטע געטרייער! העלף מיר איך זאל שוין טרעפן מיין שידוך און איך זאל שוין זוכה זיין חתונה צו האבן און לעבן בקדושה, בזכות אלע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דיר".**

איך וויל דיר בעטן א בקשה, זוממער אין קעמפ האסטו מיר זייער שטארק געהאלפן מיט אלעמען; וואס מען האט געדארפט פאררעכטן האסטו פארראכטן וכו', וויל איך דיר בעטן אויב דו קענסט העלפן די ישיבה, חדר מיידל סקול אויך דא אין שטאט. פאריאר האסטו געבויט טישן און בענק פאר די קליינע קינדער, פרעג ... אויב מען דארף בויען נאך בענק און טישן, דורכדעם וועסטו מיר גרינגער מאכן מיין ארבעט וואס ליגט אויף מיר.

זיי געזונט און שטארק.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פונעם לעצטן שבת פון די יאר מיט די משפחה; וועלכע סארט מעשיות צו דערציילן פאר די קינדער - בעיקר מעשיות וואס ברענגען אריין אמונת חכמים; איבערבעטן די ווייב און זיך מחזק זיין צו לעבן שיין אין שטוב; בעטן ביי סליחות פאר אלע אידישע קינדער.**

בעזרת ה' יתברך - ערב ש"ק לסדר "כי תבוא אל אומאן", כ' אלול, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר פארן שוין דעם קומענדיגן וואך צום רבינ'ס ציון.

די וואך שבת איז די לעצטע וואך פון שנת תשע"ח וואס מיר זענען צוזאמען מיט אונזער משפחה, דעם קומעדיגן וואך וועלן מיר שוין זיין ביים רבי'ן; דעריבער דארפן מיר דעם שבת זיין זייער פריילך, זינגען און טאנצן מיט די קינדער אז מיר זענען אידן, און מיר היטן שבת.
~~~~~~~~~~~

טאנץ מיט דיינע קינדער: "אַה מחי' שבת, אַה מחי' שבת, אַה מחי' אז איך היט שבת; שכוח באשעפער אז מיר האבן דעם שבת, העלף מיר זאלן אייביג היטן שבת און זיין פרייליך א גאנץ שבת"; אז מען פריידט זיך שבת איז מען זוכה צו גרויסע ברכות.

די הייליגע חכמים זאגן (שבת קיח:): "כָּל הַמְעַנֵּג אֶת הַשַּׁבָּת נוֹתְנִין לוֹ מִשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ", ווער עס איז מכבד דעם שבת געבט מען אים וואס ער דארף; מיר דארפן פאלגן דעם הייליגן רבי'ן וואס האט אונז אנגעזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן יז): "צָרִיךְ לְהִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", שבת דארף מען זיין זייער פרייליך און גוט אויפגעלייגט.

שבת ביי די סעודה זאלסטו דערציילן שיינע מעשיות; דער עיקר דארף מען דערציילן מעשיות וואס ברענגט אריין אמונת חכמים, אז מען דארף פאלגן וואס צדיקים זאגן אונז. דערצייל פאר דיינע קינדער די מעשה וואס די הייליגע חכמים דערציילן (ירושלמי ברכות כו:): "רַבִּי יוֹסֵי בַּר חֲלַפְתָּא הֲוָה אָתֵי בְּאִיסְמְטָא בְּלֵילְיָא", דער הייליגער תנא רבי יוסי בן חלפתא איז געווען אינטערוועגנס ביינאכט, "וַהֲוָה חַמְּרָא מְהַלֵּךְ בַּתְרֵיהּ עַל חַד בֵּית שִׁיחַ", און דער מענטש וואס האט געפירט זיין אייזל איז אנגעקומען צו א גרוב מיט וואסער, "אֲמַר לֵיהּ הַהוּא גַּבְרָא בָּעֵי מַסְחֵי", דער מענטש וואס האט געפירט דעם אייזל האט געזאגט פאר ר' יוסי אז ער וויל גיין אין מקוה זיך טובל'ן, "אֲמַר לֵיהּ לָא תְּסַכֵּן נַפְשְׁךְ", האט אים ר' יוסי געזאגט עס איז א סכנה צו גיין ביינאכט אין א גרוב מיט וואסער, גיי נישט יעצט, "אֲמַר לֵיהּ מִן נִדָּה וּמִן אֵשֶׁת אִישׁ הַהוּא גַּבְרָא בָּעֵי לְמִיסְחֵי", האט דער מענטש געזאגט איך האב געטון א גרויסע עבירה איך מוז שוין גיין אין מקוה, "אֲפִילוּ כֵּן אֲמַר לֵיהּ לָא תְּסַכֵּן בְּנַפְשְׁךְ", האט אים ר' יוסי געזאגט אפילו דו דארפסט גיין אין מקוה טארסטו נישט גיין ווען עס איז א סכנה, "כֵּיוָן דְּלָא שָׁמַע לֵיהּ אֲמַר לֵיהּ יֵיחוּת הַהוּא גַּבְרָא וְלָא יִסּוּק", למעשה האט דער מענטש נישט געפאלגט, האט אים ר' יוסי געזאגט אז דו וועסט גיין אין מקוה יעצט וועסטו נישט ארויס קומען פון דארט, עס איז א סכנה, "וְכֵן הֲוַות לֵיהּ", און אזוי איז טאקע געווען, דער מענטש איז געשטארבן; זעט מען פון די מעשה צוויי זאכן, איינס אז מען פאלגט נישט וואס א צדיק זאגט שטארבט מען.

צווייטנס זעט מען אז א מענטש ווען ער זינדיגט קען ער זיך נישט ליידן, ער וויל טון סכנה'דיגע זאכן, אבער דער צדיק לערנט אונז מיר זאלן זיך ווייטער קענען ליידן, נאר מען זאל גלייך תשובה טון, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תנג): "אִם הָיִיתִי עוֹבֵר חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵרָה גְּדוֹלָה בְּיוֹתֵר", אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵרָה, "אַף-עַל-פִּי-כֵן לֹא הָיְתָה הָעֲבֵרָה מַשְׁלֶכֶת אוֹתִי כְּלָל", וָואלְט דָאס מִיר גָאר נִישְׁט

אַרָאפּ גִיוָוארְפְן, "רַק הָיִיתִי אַחַר הָעֲבֵרָה אִישׁ כָּשֵׁר כְּמוֹ קֹדֶם", אִיךְ וָואלְט נָאךְ דֶעם גְוֶועְן אַזוֹי אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד וְוִי פְרִיר, "רַק אַחַר-כָּךְ הָיִיתִי עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה", דֶער נָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן".

אזעלכע מעשיות זאלסטו דערציילן שבת פאר דיינע קינדער, זיי אויסלערנען וואס א צדיק איז, זיי זאלן גלייבן אין די ווערטער פון צדיקים און אכטונג געבן אויף די כבוד פון צדיקים.

פארצייל זיי די מעשה וואס חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (ירושלמי ברכות כ:): ווען ר' זירא איז געקומען קיין ארץ ישראל איז ער געווען זייער שוואך, ער האט געזוכט עפעס עסן וואס וועט אים געבן כח. איז ער געגאנגען קויפן פלייש, פרעגט ער דעם בוטשער: "בְּכַמָּה הָדֵין לִיטְרְתָא?" וויפיל קאסט א פונט פלייש, "אֲמַר לֵיהּ בְּחַמְשִׁין מָנֵיי וְחַד קוּרְסָם", זאגט ער פאר ר' זירא פופציג דאללער מיט א שמייס, האט אים ר' זירא געפרעגט: "סַב לָךְ שִׁיתִין", אפשר געב איך דיר זעכציג דאללער און דו וועסט מיר פארקויפן די פלייש אן מיר שלאגן, "וְלָא קַבִּיל עִילוֹי", האט ער נישט מסכים געווען, "סַב לָךְ שִׁבְעִין וְלָא קַבִּיל עִילוֹי, סַב לָךְ שְׁמוֹנִים, סַב לָךְ תִּשְׁעִים, עַד דִּמְטָא מֵאָה וְלָא קַבִּיל עִילוֹי", אפשר פאר זיבעציג דאללער, אכציג, ניינציג, הונדערט דאללער אן דעם שמייס? אבער דער פלייש סוחר האט נאך אלץ נישט מסכים געווען. האט אים ר' זירא געזאגט, איך האב נישט קיין אנדערע ברירה: "עֲבֵיד כְּמִנְהָגָךְ", טו לויט דיין מנהג, און אזוי האט דער פלייש סוחר געטון, ער האט געגעבן א שמייס פאר דעם הייליגן אמורא רבי זירא. ביינאכט ווען רבי זירא איז געקומען אין שול האט ער געפרעגט די הייליגע חכמים: "וואס איז פשט פון אייער נארישע מנהג אז מען קען נישט קויפן פלייש אן כאפן א שמייס פונעם פלייש סוחר?" האבן די חכמים אים געפרעגט: "וואס רעדסטו, ווער שמייסט?" האט ער זיי דערציילט די גאנצע מעשה, "שַׁלְחוּן בָּעֵיי מַיְיתֵיתֵיהּ וְאַשְׁכְּחוּן אֲרוֹנֵיהּ נָפְקָא", האבן זיי געשיקט א שליח בית דין רופן דעם פלייש סוחר אים צו באשטראפן פארן פארשעמען א צדיק, ווען דער שליח איז אנגעקומען האט ער געזען ווי מען האלט שוין אינמיטן די לויה פון דעם פליש סוחר, האבן זיי געפרעגט רבי זירא: "כָּל הָכֵין?" פארוואס ביסטו אזוי שטארק מקפיד צו הרג'נען מענטשן, האט ער זיי געזאגט: "איך שווער אז איך האב נישט מקפיד געווען, איך האב געמיינט אז דאס איז דער מנהג המקום; דאס וואס האט פאסירט אז דער פלייש סוחר איז געשטארבן ווייל דער אייבערשטער האט מקפיד געווען".

אזעלכע מעשיות דארף מען דערציילן פאר קינדער, כדי זיי זאלן אכטונג געבן נישט צו טשעפען א צווייטן איד - בפרט א תלמיד חכם א איד וואס לערנט תורה, א צדיק וואס

לעבט מיטן אייבערשטן. ווייל אויב מען מאכט חוזק פון א צווייטן, מען טשעפעט אן ערליכער איד, באקומט מען חס ושלום א שטראף פון הימל.

דעם שבת זאלסטו זיך איבער בעטן מיט דיין ווייב; בעט דיר איבער יעצט ערב שבת, זאג איר אז דו גייסט אכטונג געבן פון היינט איר נישט ווי טון. עס איז זייער א גרויסע עבירה צו טשעפען א ווייב, דער אייבערשטער באשטראפט אויב מען טשעפעט א ווייב, מען פארלירט גרויסע געלטער ווען מען מאכט וויינען די ווייב. איך האף אז דו וועסט אריין לייגן מיינע ווערטער אין דיין הארץ און פון היינט און ווייטער וועסטו זיך אויפפירן ווי אן ערליכע איד.

געב איר ליבשאפט; געבן ליבשאפט פאר די ווייב איז א מצוה אזוי ווי לייגן תפילין. פונקט ווי מיר קישן די תפילין און די ציצית, מיר האבן ליב די מצוות, אזוי דארפן מיר געבן ליבשאפט פאר די ווייב. דעריבער אז מיר שטייען שוין ביים ענדע פונעם יאר זאלסטו זען אז עס זאל זיין א גוטע ענדע.

דעם מוצאי שבת זאגן מיר שוין סליחות; אין ישיבה וועלן מיר זאגן ביי חצות הלילה איינס אזייגער. מיר זאגן סליחות מיט די בגדי שבת, מיר גייען שרייען און וויינען צום אייבערשטן: "'פְּנֵה נָא אֶל הַתְּלָאוֹת וְאַל לַחֲטָאוֹת'; רבונו של עולם קוק אויף דעם וואס אידישע קינדער ליידן, קוק נישט אויף אונזערע זינד, רבונו של עולם קוק וויפיל אידן זענען נעבעך נישט געזונט, וויפיל אידן מוטשען זיך אויף פרנסה, וויפיל מוטשען זיך מיט שידוכים". דער אייבערשטער זאל שוין רחמנות האבן אויף אונז און עס זאל שוין זיין: "תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ", די יאר זאל זיך ענדיגן מיט אלע שלעכטע זאכן, "תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ", עס זאל קומען א נייע יאר נאר מיט גוטס פאר אלע אידן.

א פרייליכן שבת.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**יישר כח פאר'ן ארויסהעלפן, ביים ציון קען מען אלעס פועל'ן.**

בעזרת ה' יתברך - עש"ק לסדר "כי תבוא אל אומאן", כ' אלול, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר מיט די סקול און איך פריי מיך זייער אז דו וועסט זיין דער וואס וועט העלפן די סקול מיט אלעס וואס זיי דארפן, סיי
~~~~~~~~~~~

דאס רייניגן, סיי ברענגען די עסן און אזוי ווייטער, אין דעם זכות וועסטו טרעפן א גוטע שידוך.

מיר פארן שוין צום רבי'ן קיין אומאן אויף ראש השנה, דארט איז דער פלאץ וואו מען קען פועל'ן אלע ישועות; דער גרויסער צדיק ר' אברהם ב"ר נחמן זכרונו לברכה האט געזאגט: "ביים רבינ'ס ציון אז מען עקשנ'ט זיך קען מען אלעס באקומען".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**מ'דארף זיכער מאכן אז א קינד ווערט קיינמאל נישט איבערגעלאזט אויפ'ן באס.**

בעזרת ה' יתברך - עש"ק לסדר "כי תבוא אל אומאן", כ' אלול, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

נעכטן האט פאסירט א שרעקליכע זאך; דער דרייווער ... האט איבער געלאזט א קליין קינד אויפן באס, אבער בחסדי השם יתברך האט מען געראטעוועט דאס קינד אין צייט. די עלטערן זענען יעצט אריבער געקומען צו מיר פרעגן וואס זיי זאלן טון, ווי קענען זיי זיין רואיג אז דאס וועט נישט פאסירן נאכאמאל.

דעריבער וויל איך רעדן צו אלע דרייווערס; רוף צוזאם אלע בחורים וואס דרייוון פארן מוסד היינט נאכט ביי מיר אין שטוב ניין אזייגער. איך וויל זיי מעורר זיין אויף דעם אז מען טאר נישט פארמאכן די באס, ווען, קאר, בעפארן איבער קוקן צי א קינד איז דארט געבליבן.

...

~~~~~~~~~~

**זייער אכטונג געבן נישט איבערצולאזן א קינד אין א קאר חס ושלום.**

בעזרת ה' יתברך - עש"ק לסדר "כי תבוא אל אומאן", כ' אלול, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב געהערט אז דו האסט איבער געלאזט א קינד נעכטן נאכט אויפן באס, וויל איך דיר מעורר זיין אויף דעם.

וויסן זאלסטו אז דרייוון בכלל איז זייער א גרויסע אחריות, און בפרט דרייוון קינדער; א דרייווער טאר נישט ארויס גיין פון קאר, ווען, באס, אן דעם וואס ער קוקט

איבער צי עס איז נישט איבער געבליבן דארט א קינד. היינט צופרי איז אין ארץ ישראל לא עלינו נפטר געווארן א קינד פון איין יאר אלט אין א קאר, נעכטן איז נפטר געווארן דאהי א קינד אין א קאר; דאס איז נישט קיין אונס, נאר אז א דרייווער גייט ארויס פון קאר און לאזט איבער דארט א קינד איז ער א רוצח.

ווען מען דרייווט דארף מען זייער אכטונג געבן איינצוהאלטן די געזעצן; אז מען דרייווט קינדער און מען פארט שנעלער ווי מען מעג איז מען א פשוט׳ער רוצח.

דער אייבערשטער זאל אונז אפהיטן פון אלעם שלעכטס.

...

~~~~~~~~~~

**מ׳דארף האבן א געוואלדיגע אחריות ביים דרייוון קינדער.**

בעזרת ה׳ יתברך - עש״ק לסדר ״כי תבוא אל אומאן״, כ׳ אלול, שנת תשע״ח לפ״ק **לכבוד ... נרו יאיר.**

וואו איז דיין אחריות אז דו ביסט נישט מודיע פאר די דרייווערס אז זיי האבן נייע קינדער?! נעכטן האט זיך אנגעהויבן סקול און דער דרייווער ... האט נישט געוואוסט אז ער האט א נייע משפחה; ער איז געפארן צו די אלטע משפחות און איבער געלאזט א קליין קינד פון דריי יאר אלט אינעם באס. נאך א נס אז די מאמע האט דאס געכאפט באצייטנס, האט מען איר געטראפן שלאפן וכו׳.

וואו איז דיין אחריות צו איבער געבן קינדער פאר דרייווערס אן קיין חשבון?! איך האב דיר געפרעגט צענדליגער מאל זוממער צי אלעס איז מוסדר.

איך וויל רעדן היינט נאכט צו אלע דרייווערס, זיי זאלן וויסן וואספארא אחריות זיי האבן מיט דעם וואס זיי דרייוון קינדער; אמת, עס איז טאקע א גרויסע זכות צו העלפן די מוסד און איך דאנק אלע דרייווערס פארן העלפן די מוסד, אבער פון די אנדערע זייט דארף מען זיין זייער פארזיכטיג און ערנסט, מען קען נישט נעמען קיין דרייווערס וואס זענען נישט ערנסט אויף זייער ארבעט, דרייוון קינדער איז א גרויסע אחריות.

געב איבער פאר אלע דרייווערס אז איך וויל רעדן צו זיי היינט נאכט ניין אזייגער ביי מיר אין שטוב.

...

~~~~~~~~~~

**אין אומאן ווענסטו פועל'ן א שידוך.**

בעזרת ה' יתברך - עש"ק לסדר "כי תבוא אל אומאן", כ' אלול, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

בנוגע די שידוך וואס מען רעדט דיר וכו'; איך האב גערעדט מיט מרת ... תחי', עס הערט זיך נישט גוט אז א גרושה א פרעמדע פרוי וואוינט ביי א רב אין שטוב וכו', זאג דעם שדכן אז עס איז נישט אינטערעסאנט. זארג נישט טייערער ..., דו ווענסט טרעפן א גוטע שידוך.

מיר פארן יעצט קיין אומאן אויף ראש השנה; דארט זאלסטו גוט אויסנוצן די צייט, זאלסט זיצן ביים ציון און בעטן: "רבי געב מיר א שידוך, רבי דו ביסט דער שדכן פון דער וועלט"; "הַדַּעַת מְשַׁדֵּךְ כָּל הַשִּׁדּוּכִים", דער רבי זאגט אז דער צדיק מאכט שידוכים (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן פט) מיט דעם ווענסטו זיכער פועל'ן א גוטע שידוך פאר דיר.

איך בעט דיר נאר זייער, בלייב שטארק מיט דיין אידישקייט. לייג תפילין יעדן טאג און לערן ווייטער דיינע שיעורים.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט טרעפן בקרוב דיין שידוך.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט א קינד וואס פאלגט נישט.**

בעזרת ה' יתברך - עש"ק לסדר "כי תבוא אל אומאן", כ' אלול, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך האף אז איר האט פארשטאנען וואס מיר האבן גערעדט נעכטן.

אז א קינד פאלגט נישט אין קלאס איז פארהאן צוויי וועגן ווי אזוי זיך אומצוגיין מיטן קינד; די גרינגסטע וועג איז אז מען שיקט ארויס דאס קינד פון קלאס, מען שיקט דאס קינד צום אפיס, מען הייסט די עלטערן זאלן רופן וכו' וכו'. אויבנאויף זעט דאס אויס ווי א גרינגע וועג, אבער דאס איז נישט דער ריכטיגער וועג. דער ריכטיגער וועג איז צו גיין מיט שיינעם, מען נעמט דאס קינד אין א זייט און מען רעדט צו אים שיינע ווארעמע ווערטער, מען געבט דאס קינד א גלעט און מען זאגט פארן קינד: "איך האב
~~~~~~~~~~~

דיר אזוי ליב; דו ביסט מיין בעסטע תלמיד, פארוואס טוסטו אזוי און אזוי? איך בעט דיר זייער שטער נישט וכו' וכו'".

זייער אסאך מאל קען זיין אז עפעס באדערט פארן קינד, אסאך מאל גייט דאס קינד אריבער א שווערע צייט אין שטוב, צי מיט זיך אליין וכו', דערפאר טוען זיי זאכן וואס שטערט אין כיתה. עס זעט אויס ווי זיי זענען שלעכט, אבער באמת זענען זיי נישט שלעכט, זיי זענען פשוט גוט צובראכן און ווארטן אויף א גלעט, אויף א גוט ווארט וכו'.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", ווער עס האט ווייניג שכל דארף אסאך כבוד; דאס גייט אן ביי אלע קינדער. קינדער דארפן אסאך כבוד ווייל זייער פארשטאנד איז נאך קליין, בפרט קינדער וואס קומען פון שטובער וואס מען געבט זיי בכלל נישט קיין גוטע ווערטער - זיי דארפן דאס זייער אסאך. דעריבער, א קלוגע מלמד און טיטשער וועט הייבן די קינדער און שטענדיג געבן קאמפלימענטן סיי ברבים און אויך פריוואט.

ווען א קינד באקומט גוטע ווערטער פונעם מלמד/טיטשער וועט דאס קינד פאלן פארן מלמד און טיטשער און זיי אלעס פאלגן. דעריבער א קלוגער מלמד, א קלוגע טיטשער קלויבט אויס דעם צווייטן וועג צו פועל'ן ביי די נישט פאלגעדיגע קינדער זיי זאלן אנהייבן פאלגן און טון וואס מען פארלאנג, דורכדעם וועלן די קינדער אויסוואקסן ערליכע קינדער, זיי וועלן שטענדיג געדענקען זייער הארציגער מלמד, זיי וועלן שטענדיג געדענקען די ווארעמקייט וואס זייער טיטשער האט זיי געגעבן.

א נישט קלוגער מלמד, אדער א טיטשער וואס האט נישט קיין ווארעמקייט אין זיך, וועלן שטענדיג נעמען דעם ערשטן וועג; זיי וועלן ארויס שיקן קינדער, אהיים שיקן קינדער און ארויס ווארפן קינדער פון די מוסדות.

מוהרא"ש פלעגט שטענדיג נאכזאגן פאר די מלמדים די מעשה וואס חכמינו זכרונם לברכה האבן דערציילט (תענית כד.): עס איז אמאל געווען א טרוקעניש - עס האט נישט גערעגנט פאר א לאנגע צייט און א פשוט'ער איד איז צוגעגאנגען צום עמוד בעטן פאר רעגן, גלייך ווען ער האט געזאגט די ווערטער: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" האט אנגעפאנגען צו גיין א גאס רעגן, האט מען אים געפרעגט: "וואס זענען די גוטע מעשים וואס דו טוסט?" האט ער געענטפערט: "איך בין א מלמד דרדקי - איך לערן מיט אידישע קינדער, און איך מאך נישט קיין חילוק פון א קינד וואס דער טאטע צאלט מיר געלט אז איך זאל לערנען מיט אים, אדער א קינד וואס דער טאטע צאלט מיר נישט; נאך א מנהג האב איך, אז ווען איך זע א קינד וואס וויל נישט לערנען, בין איך אים

משחד. איך האב אין שטוב א פיש טאנק, און איך רעד אים צו אז אויב ער וועט לערנען וועל איך אים ווייזן די פישלעך, ביז ער הייבט אן לערנען". זעט מען פון דעם די ריכטיגע וועג ווי אזוי מען מאכט קינדער לערנען, דורך דעם וואס מען איז זיי משחד.

א טיטשער דארף שטענדיג געדענקען אז קינדער זענען קינדער; מען דארף אלץ פראבירן א וועג ווי אזוי צו מאכן אינטערעסאנט די לימודים אז די קינדער זאלן צולייגן קאפ צו די לימודים. אזוי ווי ווען מען געבט צו עסן פאר קליינע קינדער, געוועגליך ווילן קינדער נישט עסן קיין געזונטע עסן: ברויט, מילך, פלייש וכו', איז דא צוויי וועגן ווי אזוי מען מאכט זיי עסן, אדער מיט א גרינגע וועג: מען שלאגט, מען שרייט, מען סטראשעט וכו' - דעמאלט פאלגן די קינדער, אדער איז דא א צווייטע וועג: מיט גוטן, מיט חכמה, מען דערציילט זיי א מעשה און אינמיטן די מעשה נארט מען אריין אין זיי דאס עסן וכו'.

איך וועל אייך נאך שרייבן מער באריכות, יעצט דארף איך מקצר זיין.

די אלע בריוו זאלט איר ווייזן פאר אלע טיטשערס אז אלע זאלן ארויס נעמען עצות ווי אזוי צו מחנך זיין די קינדער.

...

~~~~~~~~~~~

**דברי הכנה בעפארן זאגן סליחות.**

בעזרת ה' יתברך - מוש"ק לסדר "כי תבוא אל אומאן", כ"א אלול, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מיר גייען שוין באלד זאגן סליחות, דארפן מיר בעטן דעם אייבערשטן פאר אידישע קינדער: "הייליגער באשעפער האב שוין רחמנות אויף דיינע קינדער, 'בְּעַד עַמְּךָ רַחֲמִים שַׁאֲלִי', פאר דיין פאלק בעט איך רחמנות, 'כִּי כָל לֵבָב דַּוָּי', ווייל יעדנס הארץ איז פארוויטאג, 'וְכָל רֹאשׁ לָחֳלִי', און יעדענס קאפ איז קראנק; וויפיל אידן ליגן נעבעך אין שפיטאל, וויפיל קינדערלעך ליידן נעבעך פון שרעקליכע מחלות, הייליגער באשעפער געב נאר גוטס פאר אונז אידן".

דער אייבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן זוכה זיין שוין צו די גאולה שלימה - בכלליות ובפרטיות, יעדער זאל שוין זוכה זיין ארויס צו גיין פון זיין פריוואטע גלות.
~~~~~~~~~~~

**מיר בעטן ביי סליחות: "הַנְּשָׁמָה לָךְ וְהַגּוּף פָּעֳלָךְ. חוּסָה עַל עֲמָלָךְ", היילגער באשעפער מיין נשמה איז דיינס און מיין גוף האסטו באשאפן, בעט איך דיר, האב רחמנות אויף זיי.**

יעדע תפילה, יעדע קרעכץ, יעדע טרער - גייט ארויף צום אייבערשטן און פועל'ט ישועות.

א גוטע וואך און א כתיבה וחתימה טובה.

...

~~~~~~~~~~

**נישט דא קיין גרעסערס פון זיין ביים רבי'ן אין אומאן אויף ראש השנה; זען צו קויפן א שיינע מתנה פאר די ווייב פארן ארויסהעלפן צו פארן; די שיעורים אין תלמוד בבלי און ירושלמי וועלן אויך פארקומען אין אומאן.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת נצבים, כ"ב אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

חסדי השם יתברך אז מיר פארן שוין די וואך צום הייליגן רבי'ן.

עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך פון קומען צום הייליגן רבינ'ס ציון; כל זמן מיר זענען דא אויף דער וועלט וועלן מיר קיינמאל נישט פארשטיין דאס גרויסקייט פון זיין ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רכ): "וואס זאל איך אייך זאגן, קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאנען"; נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דער אייבערשטער האט מיר געגעבן ראש השנה פאר א מתנה, און נישט נאר איר זענט אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה, נאר די גאנצע וועלט שטייט אויף מיין ראש השנה.

פארגעס נישט צו דאנקען דיין ווייב תחי' אז זי לאזט דיר פארן; נישט נאר זי לאזט דיר פארן נאר זי איז דיר מחזק און מעודד אז דו זאלסט פארן צום הייליגן רבינ'ס ראש השנה.

איך בעט דיר זייער זאלסט לערנען דעם דף גמרא יעדן טאג; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט - זאלסטו זאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא. דער דף גמרא איז די שמירה פארן מענטש, עס היט אפ דעם מענטש פון אלעם שלעכטס.
~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, איך געב א שיעור יעדן אינדערפרי פאר אברכים און בחורים; מען לערנט פאר א בלאט גמרא בבלי און א דף ירושלמי, דאס איז מיין גאנצע חיות.

אויך אין אומאן - די פאר טעג וואס מיר וועלן זיין ביים רבי'ן - וועט פארקומען דער שיעור יעדן אינדערפרי, אזוי אויך אום ראש השנה וועט פארקומען דער שיעור פארן דאווענען; דאס קען מען נישט מבטל זיין, דאס איז דער חיות פונעם טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו קומען קיין אומאן און פועל'ן א גוט יאר פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**זיך נישט פארלירן אפילו ווען עס זעט אויס עק וועלט; דורך אסאך תפילה ווערט מען געהאלפן - בפרט ביי קברי צדיקים.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת נצבים, כ"ג אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

טייערער ליבער חבר, הארציגער ברודער: פארליר דיך נישט! אפילו עס זעט אויס ווי עס איז עק וועלט, דו זעסט נישט קיין וועג ארויס פון דיין צרה, אלעס איז טונקל אלעס איז פארמאכט - נעם דעם אייבערשטן ער זאל דיר ליכטיג מאכן. אזוי ווי עס שטייט (מיכה ז, ח): "כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ ה' אוֹר לִי", ווען איך זיץ אין פינסטערניש מאכט מיר דער אייבערשטער ליכטיג.

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (ירושלמי ברכות ד.): רבי חייא און רבי שמעון בן חלפתא זענען געווען איין נאכט אין בקעת ארבל - א דערפל נעבן טבריה, פלוצלינג האבן זיי געזען ווי עס הייבט אן טאגן, האט רבי חייא זיך אנגערופן פאר רבי שמעון בן חלפתא: "כָּךְ הִיא גְאוּלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל", אזוי העלפט דער אייבערשטער אידישע קינדער, "בַּתְּחִלָּה קִימְעָה קִימְעָה, כָּל מַה שֶּׁהִיא הוֹלֶכֶת הִיא רַבָּה וְהוֹלֶכֶת", קודם ווערט אביסל ליכטיג און צוביסלעך ווערט מער און מער ליכטיג. ביינאכט זעט אויס ווי אלעס איז פינסטער און שווארץ ביז דער פרי מארגן קומט אן, עס הייבט אן ווערן ליכטיג און דער טונקלקייט גייט אוועק; אזוי העלפט דער אייבערשטער אידישע קינדער.

ברודער, דראפע דיך און דערהאלט זיך! מיר פארן דאך יעצט צום רבי'ן, וועלן מיר דארט אויס פועל'ן גרויסע ישועות. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי ברכות פרק ד,
~~~~~~~~~~~

הלכה א): "שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה בִּתְפִלָּה נֶעֱנֶה", מיט אסאך תפילה ווערט מען געהאלפן; בפרט ווען מען גייט אויף קברי צדיקים קען מען פועל'ן ישועות און אלעס גוטס.

זע צו קויפן פאר דיין ווייב א שיינע מתנה לכבוד יום טוב.

מארגן וועט אם ירצה ה' פארקומען פאר די פרויען א צוזאמקום אין ישיבה, זיך מחזק זיין און זיך שטארקן איינער דעם צווייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**זיך מחזק זיין אין לערנען א דף גמרא יעדן טאג - אפילו אן פארשטיין; די מעלה פון לערנען אויפן סדר דרך הלימוד מיטן בליק פונעם הייליגן חפץ חיים זי"ע; די גרויסע שמחה אז מיר פארן שוין אט אט צום הייליגן רבי'ן; אסאך מתפלל זיין צו בלייבן מיט א געפיל אינעם הייליגן רבי'ן; אויסנוצן די צייט אין אומאן ריכטיג; העלפן און מכיר טוב זיין די ווייב אז זי העלפט ארויס מיט די נסיעה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת נצבים, כ"ד אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך בעט דיר זייער זאלסט לערנען יעדן טאג לכל הפחות א בלאט גמרא; דו קענסט זיך גארנישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון א דף גמרא, ווען מען לערנט גמרא ווערט מען נאנט צום אייבערשטן; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט זאלסטו זאגן די ווערטער.

היינט געפאלט דער יארצייט פונעם הייליגן חפץ חיים זכרונו לברכה, עס איז באוואוסט אז ער האט געזאגט פאר רבי מאיר שפירא זכרונו לברכה: "איך בין מקנא דיין זכות אז דו האסט אריין געברענגט אין כלל ישראל צו לערנען כסדרן גאנץ ש"ס יעדן טאג א בלאט, מיט דעם האסטו אויפגעלעבט די אלע מסכתות וואס מענטשן לערנען נישט - מסכת ערכין, תמורה, כריתות וכו'"; זעט מען דאס גרויסקייט פון לערנען גמרא כסדרן אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן (שיחות הר"ן, סימן עו) צו גיין כסדרן ביז מען ענדיגט גאנץ ש"ס.

ווי גליקליך זענען מיר אז מארגן פארן מיר שוין צום הייליגן רבינ'ס ציון.
~~~~~~~~~~~

ווען דער רבי האט געוואוינט אין מעדוועדיווקע זענען מקורב געווארן צוויי גרויסע צדיקים ר' יודל און ר' שמואל אייזיק זכרונם לברכה, זיי האבן געוואוינט אין דאשוב און זיי פלעגן קומען צום רבי'ן מזמן לזמן, אפילו עס איז געווען א לאנגע שווערע נסיעה. שפעטער האבן זיי זיך אריבער געצויגן נעבן מעדוועדיווקע כדי זיי זאלן נישט דארפן פארן אזא לאנגע נסיעה, האט זיי דער הייליגער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן סימן רצא): "איך בענק מיך נאך אייערע וועגן; פון יעדע טריט וואס איר פלעגט פארן צו מיר איז באשאפן געווארן פון דעם א מלאך, נישט נאר פונעם וועג אליין, נאר פון אלע טריט וואס איר זענט געגאנגען ערלעדיגן זאכן פאר די נסיעה צו קענען פארן צו מיר, פון יעדע טריט איז באשאפן געווארן א מלאך"; אויךביים לעצטן ראש השנה פון רבינ'ס לעבן האט דער רבי גערעדט פון דעם און געזאגט: "אִיךְ וְוינְטְשׁ מִיר, אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהן דָאס לֶעכְטִיקַייט פוּן דִיא וֶועגִין וָואס אִיר פָּארְט אוֹיף זַייא צוּ מִיר".

דארפן מיר זיך זייער פרייען אז מיר זענען זוכה צו פארן צום הייליגן רבי'ן; דער רבי האט אמאל געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שכט): "מה דאך נבוכדנצר הרשע, ווי באלד ער איז געגאנגען דריי פרסה האט ער זוכה זעווען צו אזא גרויסע און מעכטיגע מלוכה און ממשלה (עיין סנהדרין צו), איז דאך זיכער אז ווען א איד גייט צו א צדיק וועט ער זיכער זוכה זיין צו א גרויסע שכר וואס עין לא ראתה"; אונזער נסיעה איז נישט קיין גרינגע נסיעה, אבער אז מיר פארן צום רבי'ן איז אלעס כדאי, אפילו מען וועט אויס לייגן שפיזן אויפן וועג וועלן מיר אויך פארן צום רבי'ן.

מיר דארפן אסאך בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן בלייבן מקושר צום רבי'ן, מיר זאלן זיך נישט אפקילן פון רבי'ן און זיך נישט לאזן פארדרייען דעם קאפ מיט אלע בלבולים, ווייל ווען א מענטש וויל מקורב ווערן צום אמת איז זיך דעמאלט מתגבר אויף אים דער שקר, מען פארדרייט דעם מענטש מיט אלע שקרים, כאילו דער רבי דארף אים נישט וכדומה לזה.

ווען רבי יודל זכרונו לברכה איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן האט מען אים געזאגט אז דער רבי איז ברוגז אויף אים, ר' יודל האט נישט געוויסט אז דאס קומט פונעם יצר הרע וואס טוט אלע פעולות צו מרחק זיין דעם מענטש פונעם צדיק, האט ער מורא געהאט אריין צו גיין צום רבי'ן, נאך דריי טעג האט ער זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן פון זען דעם רבי'ן, האט ער געטראכט צו זיך: 'זאל זיין וואס זאל זיין, איך מוז אריין גיין צום רבי'ן', דער רבי האט פארשטאנען ברוח קדשו די נסיונות וואס ר' יודל גייט אריבער, גלייך ווען ר' יודל איז אריין געקומען צום רבי'ן האט אים דער רבי געזאגט: "ווען א מענטש וויל מקורב ווערן צום אמת דעמאלט איז זיך דער שקר מתגבר

אויפן מענטש, און אז דער מענטש שטארקט זיך אויפן שקר, ער צעברעכט דעם שקר ווערט פון ׳שקר׳ ׳קשר׳״, און דער רבי האט אויסגעפירט: ״דו וועסט שוין בלייבן מקושר צו מיר דיין גאנצע לעבן״. זעט מען פון דעם ווי דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף יעדן איינעם באזונדער אים מבלבל צו זיין מיט כל מיני בלבולים און כל מיני מחשבות זרות, אים מחליש דעת זיין ער זאל אפלאזן דעם רבי׳ן, דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל מאכן פון שק״ר א קש״ר של קיימא נישט אפצולאזן דעם הייליגן רבי׳ן.

אין אומאן זאלסטו אויסנוצן די צייט; עס איז נישט כדאי ארום צו גיין אין גאס, מיר קומען צום רבי׳ן צו פארעכטן אונזערע אויגן פון א גאנץ יאר - נישט זיי צו פארדארבן רחמנא לצלן. גיי נישט זוכן קיין מציאות, אלעס וואס איז דא אין אומאן איז דא צו באקומען אין ניו יארק, מיר קומען נישט קיין אומאן צו זוכן רוסישע מציאות, אלעס וואס מען דארף קען מען דא באקומען, מיר קומען קיין אומאן נאר צום רבי׳ן, צו מקבל זיין אלע תיקונים וואס דער רבי האט מבטיח געווען.

היינט נאכט וועט אם ירצה ה׳ זיין א צוזאמקום פאר די פרויען, זע צו בלייבן אין שטוב אז דיין ווייב זאל קענען קומען זיך מחזק זיין. דו ווייסט נישט ווי גליקליך דו ביסט מיט דעם אז דיין ווייב איז דיר נישט מעכב צו פארן קיין אומאן, נישט נאר זי איז דיר נישט מעכב נאר זי העלפט דיר פארן צום רבי׳ן, זי פריידט זיך אז דו פארסט צום רבי׳ן, זי ווארט אויף די ישועות וואס דו וועסט אויס׳פועל׳ן ביים רבי׳ן, דארפסטו איר דאנקען און קויפן א שיינע מתנה, בלייב אין שטוב היינט נאכט אז זי זאל קענען קומען הנאה האבן פון די שיינע נאכט וואס מען גרייט אן פאר זיי.

א גוט געבענטשט יאר און א כתיבה וחתימה טובה.

...

אויב דו קענסט מיר העלפן מיט נעמען ספרים קיין אומאן פאר די מפיצים - זיי מיר מודיע; איך האב אסאך באקסעס מיט צו נעמען קיין אומאן מיט מיר און יעדע רענצל בעטן זיי נאך געלט, אויב דו האסט פלאץ זיי מיר מודיע, א גרויסן דאנק.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**יישר כח פאר׳ן ארויסהעלפן צוגרייטן אין אומאן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת נצבים, כ״ה אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מיינע טייערע תלמידים ... מיט ... נרם יאיר.**

איך דאנק אייך פארן מיר העלפן מיט אזא מסירות נפש! אין דעם זכות זאלט איר זוכה זיין צו א זיס ליכטיג יאר.

וויסן זאלט איר אז יעדער איינער מוטשעט זיך אין לעבן; יעצט האב איך דא א תלמיד וואס קען נישט קומען קיין אומאן נאכדעם וואס איינער האט אים גע׳מסר׳ט אז ער נעמט נישט קער פון זיינע קינדער, די שטאט זיצט ביי אים און ווילן אוועק נעמען פון אים די קינדער. א צווייטער נעבעך האט מען יעצט געטראפן ביי אים א שרעקליכע מחלה וואס עס איז נישט דא אויף דעם קיין רפואה. א דריטער איז זיין ווייב נעבעך אויף קימא-טערעפי רחמנא לצלן.

על כל פנים זעט איר אז יעדער איינער מוטשעט זיך; איז מיט דעם וואס איר זענט ארויסגעפארן פריער כדי צו העלפן אנגרייטן דעם פלאץ אז מיר זאלן קענען ווייטער בויען מוסדות וועט איר זיך נישט מוטשען מיט אנדערע שוועריקייטן.

איך האף אז איר זענט שטארק; געדענקט אז איר זענט ווי א גענעראל, אלע קוקן אויף ענק... אפילו ... מיט ... - אלע קוקן אויף ענק; אז איר וועט געבן א גוטע טון וועלן אלע זיין צופרידן...

אלע שמועסן אין אמעריקע אז די בנין איז הערליך און אלע ווארטן מיר שוין צו זיין אין אומאן ביים הייליגן רבי׳ן.

א גוטע נאכט און א גרויסן יישר כח; מיר פארן שוין באלד ארויס צום עירפארט.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**זען ריכטיג אויסצונוצן די צייט אין אומאן; נישט נתפעל ווערן אויב מען האט נישט קיין שום געפילן; מתפלל זיין ביים רבי'ן פארן ראש ישיבה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת נצבים פה אומאן יצ"ו, כ"ו אלול, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אז מיר האבן שוין צעבראכן אלע מניעות און מיר זענען שוין אין אומאן, דארפן מיר זיך שטארקן אז מיר זאלן נישט אויסקוקן ווי דער מלך וואס האט איינגענומען שווערע מלחמות און ביים סוף האט ער אויפגעגעבן ווען ער האט געזען דעם שפינען וועבאכטס אויפן טיר פונעם פאלאץ.

ווען א מענטש איז זוכה און ער ברעכט דורך אלע מניעות, ער קוקט נישט אויף קיינעם, ער הערט דעם קול פונעם רבי'ן וואס זאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן"; ער קומט דורך אלע שווערע מלחמות, דארף מען זען אויס צו נוצן די צייט אין אומאן, נישט ארום גיין אין די גאסן פון אומאן זוכן מציאות וכו', נאר גיין צום הייליגן רבינ'ס ציון פועל'ן ישועות סיי פאר זיך און אויך פאר גאנץ כלל ישראל.

אסאך מאל פאסירט אז ווען מען קומט אן קיין אומאן פארלעשן זיך אלע געפילן וכו' און מען וואונדערט זיך פארוואס פאר מען איז געפארן האט מען געהאט אזא שטארקע ווילן צו קומען, מען האט געברענט צו קומען קיין אומאן, דעמאלט פארוואס ווען מען איז שוין אנגעקומען הייבן זיך צו דרייען אין קאפ כל מיני מחשבות: "פארוואס בין איך געקומען?!" "וואס טו איך דא אין אומאן?!" זאגט דער הייליגער רבי (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן עב): "לִפְעָמִים בָּא לָאָדָם הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, וְנַעֲשֶׂה בְּאוֹתוֹ שָׁעָה אִישׁ כָּשֵׁר, וְאַחַר כָּךְ רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת עֻבְדָּא, כַּאֲשֶׁר שֶׁנִּתְעוֹרֵר לִבּוֹ לִתְשׁוּבָה, בְּכֵן רוֹצֶה לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק", ווען א מענטש ווערט נתעורר תשובה צו טון, ער וויל עפעס טון צו זיין גוט, ער וויל זיין אן ערליכער איד און ער מאכט אפ צו פארן צו א צדיק, "וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנּוֹסֵעַ, מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע וְנוֹפֵל מִתְּשׁוּקָתוֹ שֶׁהָיָה לוֹ תְּחִלָּה", נאכדעם ווען ער איז שוין אויפן וועג איז זיך דער יצר הרע אויף אים מתגבר און ער הייבט אן פארלירן זיין געפיל צו פארן, "וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁבָּא לְהַצַּדִּיק, מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע עוֹד יוֹתֵר, וְאוֹבֵד כָּל חִשְׁקוֹ", נאכדעם ווען ער קומט אן צום צדיק איז זיך דער יצר הרע מתגבר אויף אים און ער פארלירט זיין גאנצע געפיל, זאגט אויף דעם דער הייליגער רבי: "אַל יִקְשֶׁה בְּעֵינֶיךָ זֹאת, וְאַל יְבַהֲלוּךָ רַעְיוֹנֶיךָ עַל זֶה", זאלסט נישט ווערן צעמישט פארוואס דאס פאסירט, ווייל די סיבה צו דעם איז אז ווי מער דער מענטש איז זיך מתגבר אויף זיין יצר הרע אלץ מער איז זיך

דער יצר הרע מתגבר אויף אים, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוכה נב.): כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ״, ווי גרעסער דער מענטש איז אלץ א גרעסערע יצר הרע האט ער.

לאז אפ אלע שמועס׳לעך און אלע חברים׳לעך, יעצט גיי צום ציון און וויין זיך אויס צום אייבערשטן ער זאל דיר ארויס נעמען פון דיין פלאנטער, און בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט האבן פרנסה בריווח און הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

**איך בעט דיר א קליינע טובה; בעט פאר מיר ביים רבינ׳ס ציון: ״יואל בן ריצא רעכיל״, איך זאל האבן הצלחה מיט אלעס וואס איך טו. איך זאל קענען אויספירן אלע רצונות וואס מוהרא״ש האט געוואלט, אריין ברענגען אין די וועלט די לימודי היכל הקודש לעובדא ולמעשה.**

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דעם לעצטן שבת פון יאר קענען מיר פאררעכטן אלע שבתים פונעם יאר; נישט פארגעסן אז מיר געפונען זיך אין אומאן ביים הייליגן רבי׳ן; אויסנוצן יעדע מינוט ביים ציון.**

בעזרת ה׳ יתברך - עש״ק פרשת נצבים פה אומאן יצ״ו, כ״ז אלול, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מיר שטייען יעצט ביים לעצטן שבת פון שנת תשע״ח. אלע יארן ווען ראש השנה איז אויסגעפאלן אזוי ווי היי יאר פלעגט מוהרא״ש זאגן אין אומאן: ״אויב מיר וועלן זיין דעם שבת פרייליך, וועלן מיר פאררעכטן אלע שבתים פונעם גאנצן יאר״; דעריבער זאלסטו פראבירן מיט אלע כוחות צו זיין פרייליך דעם שבת.

אזוי אויך זאלסטו זען אויס צו נוצן די צייט; מיר זענען יעצט אין אומאן, מיר זענען יעצט ביים הייליגן רבי׳ן, דערמאן זיך שטענדיג וואו מיר געפינען זיך.

מוהרא״ש האט דערציילט, ווען ר׳ אברהם ב״ר נחמן זכרונו לברכה איז געווען אין ארץ ישראל האט ער זיך כסדר געפרעגט: ״וואו בין איך?״ און ער פלעגט זיך נאכדעם ענטפערן: ״אה, אין ארץ ישראל״, ער האט געוואלט געדענקען די גאנצע צייט פון די הייליגקייט פון ארץ ישראל; מוהרא״ש האט דאס מסביר געווען, אז פונקט ווי ביי
~~~~~~~~~~~

תפילין טאר מען נישט מסיח דעת זיין פון די תפילין, אזוי אויך האט ר' אברהם ב"ר נחמן נישט געוואלט מסיח דעת זיין פון קדושת ארץ ישראל.

דאס זעלבע דארפן מיר טון. ווען מיר געפונען זיך ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן - זיך כסדר פרעגן: **"וואו בין איך?"** און זיך נאכדעם ענטפערן: **"אה, אין אומאן ביים הייליגן רבינ'ס ציון"**; אויב אזוי דארף איך לויפן צום רבי'ן אויס נוצן די צייט.

ווען דער הייליגער רבי נתן איז נסתלק געווארן האט ר' נפתלי זכרונו לברכה - ר' נתנ'ס חבר - זיך גע'חלומ'ט ווי ער זעט ר' נתן לויפן זייער שנעל, ער האט נאך נישט געוויסט אז ר' נתן איז שוין נסתלק געווארן, האט ער אים געפרעגט: "נתן אוואו לויפסטו?" האט אים ר' נתן געענטפערט אין חלום: **"איך לויף גלייך צום רבי'ן!"** האט ר' נפתלי פארשטאנען אז ר' נתן איז נסתלק געווארן.

ווען מיר זענען אין אומאן דארפן מיר געדענקען וואס ר' נתן האט געזאגט אין חלום פאר זיין חבר ר' נפתלי: **"איך לויף צום רבי'ן!"** מען טרעפט זיך אין אומאן מיט דעם און מיט יענעם, מען פרעגט דיר וואו גייסטו? וואו קומסטו? דארפסטו ענטפערן: **"איך לויף צום רבי'ן!"** מען דערציילט דיר 'דארט איז שיין', 'דארט איז דערהויבן', טראכט גלייך: **"איך לויף צום רבי'ן!"**

מוצאי שבת וועלן מיר זאגן סליחות ביי חצות אום איינס אזייגער; פאר דעם און נאכדעם זאלסטו גיין צום רבי'ן.

געדענק אז מיר שטייען אינעם אונטערשטן טאג פונעם יאר; די בת מלך בעט זיך ביי אונז (סיפורי מעשיות מעשה א', מאבידת בת מלך): "אינעם אונטערשטן טאג זאלסטו נישט פארשפעטיגן צו קומען מיר ארויס נעמען פון די נישט גוטע".

פאר סליחות זאלסטו גיין צום ציון; טרעף דיר א ווינקל און גיס זיך אויס דיין הארץ, פארציייל פארן אייבערשטן אלע דיינע מעשים פון א גאנץ יאר און בעט איבער דעם אייבערשטן. זאג צו פארן אייבערשטן אז דו גייסט עס מער נישט טון - וועט דיר דער אייבערשטער מוחל זיין אויף אלע דיינע מעשים.

איך בין אזוי פרייליך אז מיר האבן א מקום וואו מיר וועלן קענען זיין אלע יארן מיט אונזערע קינדער ארויס פון די גאנצע איבערדרייעניש; א שטילע ווינקעלע.

איך דאנק אלע תלמידים וואס האבן מיר געהעלפן בויען דעם בנין; איך בענטש ענק איר זאלט האבן א יאר מיט הצלחה, א יאר מיט יישוב הדעת, א יאר מיט שמחה, א יאר מיט נחת פון אייערע קינדער, אין דעם זכות וואס איר האט געהאלפן מיטן בויען דעם בנין.

א פרייליכן שבת און א כתיבה וחתימה טובה.

...

~~~~~~~~~~

**וואויל איז פאר די פרויען וואס האבן געשיקט די מענער אויף אומאן; דעם לעצטן שבת פון יאר קען מען אלעס פאררעכטן; ראש השנה איז מסוגל צו פועל'ן וואס מען וויל.**

בעזרת ה' יתברך - עש"ק פרשת נצבים פה אומאן יצ"ו, כ"ז אלול, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'.**

וואויל איז אייך אז איר האט געשיקט אייער מאן נרו יאיר צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה; דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פועל'ן א גוט יאר, א געזונט יאר, א יאר מיט ישועות פאר גאנץ כלל ישראל, עס זאל זיין ת'חדש ע'לינו ש'נה ט'ובה.

מיר שטייען יעצט ביים לעצטן שבת פון יאר, דעם שבת קען מען אלעס פאררעכטן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עיין ירושלמי ברכות פרק ב, הלכה ז) אויפן פסוק (משלי י, כב): בִּרְכַּת ה' הִיא תַעֲשִׁיר - "זוֹ שַׁבָּת", אז מען היט שבת, מען איז פרייליך שבת איז מען זוכה צו אלע ברכות, מען איז זוכה אז "וְלֹא יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ", עס נעמט אוועק אלע צרות רחמנא לצלן; דארפן מיר פראבירן מיט אלע כוחות צו זיין פרייליך.

ר' נתן האט געבעטן זיין ווייב און זיינע טעכטער, אז ווען זיי צינדן אן די שבת ליכט זאלן זיי בעטן דעם אייבערשטן: "**רבונו של עולם אזוי ווי איך צינד אן די ליכט, אזוי זאל אנגעצינדן ווערן דעם הייליגן רבינ'ס ליכט אין אלע אידישע הערצער**"; אזוי אויך זאלט איר בעטן ביי די ליכט: "הייליגער באשעפער אזוי ווי איך צינד יעצט אן די ליכט, זאלסטו ליכטיג מאכן פאר אלע אידן, און אויך פאר מיין מאן און מיינע קינדער זאל ליכטיג ווערן".

ראש השנה איז א צייט וואס מען קען פועל'ן קינדער, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ראש השנה יא.) אז ראש השנה זענען די הייליגע אמהות שרה אמינו, רחל אמינו און חנה נפקד געווארן מיט קינדער; מיר געפונען אז חנה איז געהאלפן געווארן מיט אזא גרויסע צדיק שמואל הנביא, נאר ווייל זי האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (שמואל-א א, יב): "וְהָיָה כִּי הִרְבְּתָה לְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי ה'", חנה האט אסאך געדאווענט צום אייבערשטן פאר קינדער ביז זי איז געהאלפן געווארן, זי האט געבעטן דעם אייבערשטן: "איך וויל קינדער; נישט סתם קינדער, איך וויל קינדער וואס וועלן
~~~~~~~~~~

זיין אזוי גרויס ווי משה רבינו און אהרן הכהן", און זי האט טאקע זוכה געווען צו אזא גרויסע קינד ווי שמואל הנביא, וואס איז געווען אזוי גרויס ווי משה רבינו און אהרן הכהן (ברכות לא:).

דערפאר זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן אויף אייער שפראך אז איר זאלט זוכה זיין צו האבן ערליכע קינדער, א גוטע שלום בית און פרנסה בריווח.

ראש השנה האט פאסירט אסאך ניסים פאר אונזערע עלטערן, דער טאג איז א טאג וואס מען קען פועל'ן גרויסע ישועות. ראש השנה איז יוסף ארויס פון תפיסה, דערפאר איז דאס א צייט פאר יעדן איינעם זוכה זיין ארויס צו גיין פון זיין אייגענע תפיסה, אזוי ווי יוסף הצדיק איז ארויס פון תפיסה; ראש השנה האט זיך אויפגעהערט די ארבעט פאר די אידן אין מצרים (ראש השנה יא.), דעריבער קען מען פועל'ן ראש השנה צו האבן פרנסה בניקל, מען זאל נישט דארפן ארבעטן אזוי ביטער שווער.

א גוט שבת און א כתיבה וחתימה טובה.

...

~~~~~~~~~~~

**די גרויסע שמחה אז מיר זענען געווען ביים הייליגן רבי'ן ראש השנה; אז מ'וועט זיין פרייליך דעם שבת וועט דער גאנצער יאר זיין א גוט און זיס יאר.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת וילך-תשובה, ה' תשרי, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

חסדי השם יתברך אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין דעם ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן; מיר דארפן זיך זייער פרייען מיט דעם, ווייל דער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", ווער עס איז געווען ביי מיר ראש השנה דארף זיך פרייען א גאנץ יאר.

מיר גייען יעצט אריין אינעם ערשטן שבת פון שנת תשע"ט. עס איז דא א כלל אין די גמרא (עיין עירובין מא.): "בָּתַר רֵישָׁא גּוּפָא אָזִיל", דער גאנצער גוף גייט נאכן קאפ; אז די התחלה איז גוט וועט דער גאנצער יאר זיין א גוטע יאר, דערפאר דארפן מיר דעם שבת זיין זייער פרייליך, טאנצן און שפרינגען א גאנץ שבת מיט די ווייב און קינדער: "א מחי' שבת!" וועלן מיר האבן א גוטע יאר.
~~~~~~~~~~~

איך וועל דיר אם ירצה ה׳ שרייבן פון מיין נסיעה קיין אומאן דעם יאר; יעצט בין איך נאך אביסל אפגעשוואכט פון די נסיעה, ווען איך וועל צוריק קומען צו די כוחות וועל איך דיר שרייבן.

א גוט שבת, איך שיק דיר א בריוו פאר דיין ווייב.

א גמר חתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**דעם ערב שבת קען מען פאררעכטן אלע ערבי שבתות פון א גאנץ לעבן; פארלאזן אסאך טרערן פאר די הצלחה פון די מאן און קינדער; זיך איבערבעטן מיט די מאן און אויסנוצן די געוואלדיגע כוחות וואס א פרוי האט.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת וילך-תשובה, ה׳ תשרי, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך בעט אייך זייער, בשעת איר צינדט אן די שבת ליכט זאלט איר אסאך וויינען און בעטן דעם אייבערשטן, ווייל עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן אריז״ל אז אין די טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור קען מען פאררעכטן אלע טעג פונעם יאר; קומט אויס אז יעצט ערב שבת קען מען פאררעכטן אלע ערבי שבתות פונעם גאנצן יאר און פון די גאנצע לעבן וואס מיר דארפן אלס פאררעכטן.

דעריבער ווען איר צינדט אן די שבת ליכט זאלט איר וויינען צום אייבערשטן און אים בעטן פאר אייך און פאר אייער מאן און קינדער אז זיי זאלן זיין ערליכע אידן.

קינדער זענען צוגעגליכן צו ביימער; פונקט ווי ביימער וואקסן נאר אויב מען באוואסערט זיי, אזוי אויך אז מען וויל זען נחת ביי די קינדער, מען וויל זוכה זיין צו ערליכע קינדער דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן פאר זיי. יעדע תפילה און יעדע טרער מאכט אויס; עס נעמט זיך צוזאמען און עס ברענגט שיינע הערליכע פירות.

זעט זיך איבערצובעטן מיט אייער מאן נרו יאיר; זוכט נישט צו זיין גערעכט, זוכט ענדערש צו זיין קלוג. שלמה המלך זאגט (משלי יד, א): ״חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ״, א קלוגע פרוי בויט אויף איר שטוב און א נארישע פרוי צעברעכט עס מיט אירע אייגענע הענט; פרויען האבן זייער גרויסע כוחות אין זיך, זיי קענען דאס נוצן אויפצושטעלן זייער שטוב און פון די אנדערע זייט - אליינס חרוב מאכן זייער שטוב, דער פראבלעם איז אז די פרויען ווייסן נישט פון זייערע כוחות. אנשטאט זיך טענה׳ן
~~~~~~~~~~

מיטן מאן, אנשטאט זיך קריגן מיט אים, קען מען דאס טון מיט חכמה; אז מען געבט דעם מאן ליבשאפט, מען רעדט שיין צו אים, וועט ער פון זיך אליינס זיין גוט און וואויל.

איר זאלט האבן א פרייליכן שבת.

א גמר חתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**גיין מיט די משפחה צו די עלטערן און שוויגער-עלטערן זיך אנוואונטשן פאר יום כיפור; אויסנוצן ריכטיגע די איצטיגע טעג; מתפלל זיין פארן ראש ישיבה און זיך פארנעמען ארויסצוהעלפן מיט וואס מען קען.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת האזינו, ז' תשרי, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

חסדי השם אז מיר קומען שוין נענטער צום גרויסן טאג "יום הכיפורים"; דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א טאג וואס ער פארצייט אלע אונזערע עבירות, אזוי ווי עס שטייט (ויקרא טז, ל): "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם, מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ".

זע צו גיין מיט דיין ווייב און קינדער צו דיינע עלטערן, צו דיין ווייב'ס עלטערן און צו די זיידעס און באבעס פאר יום כיפור נעמען פון זיי א ברכה, זיי זאלן דיר בענטשן און בענטשן דיינע קינדער.

עס איז א גרויסע זאך ווען עלטערן בענטשן די קינדער; דאס איז אויסער די מצוה פון 'כיבוד אב ואם' וואס מען כאפט אריין פאר יום כיפור, ווייל עלטערן פרייען זיך ווען קינדער קומען זיי באזוכן יעדע שטיק צייט.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן שכל זאלסט וויסן ווי אזוי מען נוצט אויס די טעג און דו זאלסט וויסן וואס איז חשוב אויבן אין הימל; מענטשן טראכטן אז אויבן אין הימל איז חשוב תעניתים און סיגופים, זיין צעבראכן און ערנסט וכו' וכו', עס איז נישט אזוי, אויבן אין הימל איז חשוב ווען מען מאכט א נחת רוח פאר טאטע מאמע, שווער און שוויגער.

איך בעט דיר זייער זאלסט מתפלל זיין פאר מיר: "יואל בן ריצא רעכיל"; איך דארף אסאך תפילות אז איך זאל האבן כח און מח ווייטער ממשיך צו זיין מיט אלעס וואס איך טו. אנגעפאנגען מיט די ישיבה, תלמוד תורה, מיידל סקול, הדפסת והפצת ספרי רבינו ותלמידיו הקדושים אויף די גאנצע וועלט וכו' וכו'.
~~~~~~~~~~

איך האף אז לכבוד דעם נייעם יאר וועסטו מיר העלפן מיט וואס דו קענסט נאר; איך דאנק אלע מיינע תלמידים וואס העלפן מיר א גאנץ יאר. איך בין מתפלל פאר דיר און פאר אלע מיינע תלמידים א גאנץ יאר, און איך האב זייער אסאך מתפלל געווען אין אומאן פאר דיר און פאר אלע מיינע תלמידים; איז בעט איך דיר, זיי דו אויך מתפלל פאר מיר.

א גמר חתימה טובה.

...

~~~~~~~~~~

**מ׳מוז ענדיגן דעם בנין אין אומאן, אז ס׳זאל נישט חרוב גיין.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת האזינו, ז׳ תשרי, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אפשר קענסטו מיר העלפן ענדיגן דעם בנין אין אומאן; אויב מיר וועלן דאס נישט ענדיגן יעצט וועט עס חרוב גיין במשך דעם ווינטער. דער דאך איז נאך נישט פארמאכט, האסט דאך מיט געהאלטן ווי עס האט אריין געגאסן ראש השנה, און אז מיר וועלן דאס נישט ענדיגן יעצט פאר דער ווינטער קומט אן וועלן חרוב גיין אלע בעטן וכו׳.

זייער אסאך תלמידים האבן זיך נאך נישט משתתף געווען אינעם בנין, און אפילו די וואס האבן זיך יא משתתף געווען קען מען מזכה זיין זיי זאלן העלפן ענדיגן דעם בנין.

איך האף אז דו וועסט מאכן אן התעוררות צווישן די תלמידים זיי זאלן אלע טון די מערסטע וואס זיי קענען כדי צו ערמעגליכן דאס ענדיגן דעם בנין.

איך בין זיכער אז יעצט, נאכדעם וואס מיר זענען שוין געווען אינעם בנין אויף ראש השנה האבן אלע אן אנדערע בליק אויף די גאנצע בנין; פאר ראש השנה האבן אלע געפרעגט: ״וואס דארף מען זיין אזוי ארויס פון געגנט?״ מען האט זיך געוואונדערט: ׳וואס איז פשט צו זיין אינדרויסן וכו׳?׳ אבער יעצט ווען מיר זענען שוין פאקטיש געווען ראש השנה אינדרויסן פון די בהלה און מען האט געהאט א הערליכע יום טוב, אלע זאגן פה אחד אז זיי האבן נאכנישט געהאט אזא שיינעם יום טוב; א יום טוב מיט ישוב הדעת, א יום טוב מיט מנוחה.

אמת, עס איז געווען שווער מצד וואס דער בנין איז נישט געווען געענדיגט וכו׳, אבער דער חלק פון זיין ארויס פון די בהלה האט יעדן איינעם צופרידן געשטעלט, בפרט
~~~~~~~~~~

די וואס זענען געקומען מיט די קינדער - זיי וועלן האבן מער געפיל צו העלפן ענדיגן דעם בנין.

דער בויער וויל נישט ווייטער בויען ווי לאנג מען שיקט אים נישט נאך געלט, בעט איך דיר טייערער ..., העלף מיר אז די געלט וואס מען האט אריין געלייגט אינעם בנין זאל נישט גיין חרוב.

א גמר חתימה טובה.

...

~~~~~~~~~~

**וואס מיינט א גוטע מיידל?**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת האזינו, ז׳ תשרי, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

פיר זיך אויף מיט דרך ארץ און פאלג דיינע עלטערן, פיר זיך איידל און באשיידן, מאך זיך א גוטע נאמען - וועסטו בקרוב טרעפן א גוטע שידוך.

זאלסט זיך נאר חבר׳ן מיט גוטע מיידלעך; א גוטע מיידל איז די וואס רעדט שטענדיג איידל, זי מאכט נישט אוועק א צווייטן, זי טשעפעט נישט קיינעם, זי רעדט צו אירע טיטשערס מיט דרך ארץ, און זיכער צו איר טאטע מאמע - מיט אזעלכע מיידלעך זאלסטו זיך חבר׳ן, אבער אז דו הערסט מיידלעך רעדן פון נישט איידעלע זאכן זאלסטו אוועק גיין פון זיי, ווייל עס וועט דיר אויך שאטן.

קויף דיר נישט קיין סעלפאון, עס וועט דיר נאר ברענגען פראבלעמען.

א גמר חתימה טובה.

...

~~~~~~~~~~

**דער אייבערשטער זאל אייך געבן הצלחה אין די ארבעט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת האזינו, ז׳ תשרי, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

זייער גוט טוט איר אז איר האט גענומען אן ארבעט זיך מפרנס צו זיין, צו קענען אנגיין אין לעבן; דער אייבערשטער זאל אייך געבן שפע איר זאלט קענען מפרנס זיין אייך און אייערע קינדער.

אודאי איז בעסער צו ארבעטן אין די שעות ווען די קינדער זענען אין חדר און אין די שעות ווען זיי שלאפן וכו׳, כדי אז אין די צייט ווען זיי זענען אין שטוב זאלן זיי האבן א מאמע מיט וועם צו פארברענגען וכו׳, אבער אזוי ווי די גאנצע עול הפרנסה ליגט לעת עתה אויף אייך און איר האט נישט קיין אנדערע פרנסה, זאלט איר ווייטער ממשיך זיין מיט אייער ארבעט.

דער אייבערשטער זאל אייך געבן א זיס יאר, איר זאלט טרעפן א גוטע שידוך, און איר זאלט האבן נחת פון אייערע קינדער.

א גמר חתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**זען צו פאררעכטן אין שטוב וואס עס פעלט זיך אויס בעניני צניעות; זיך מאכן א חשבון הנפש וואו מען האלט אין בין אדם לחבירו, בפרט אויב מען האט מצער געווען די ווייב; די תכלית וואס די ראש ישיבה וויל פון די תלמידים; אכטונג געבן פון חברים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פ׳ האזינו, ח׳ תשרי, שלש עשרה מדות, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר גייען שוין אריין ממש אינעם גרויסן טאג יום כיפורים אין וואס עס כאפט אן א ציטער פאר יעדן איד, אפילו די מלאכים ציטערן אין דעם טאג. וויל איך דיר בעטן דו זאלסט זיך מאכן א חשבון הנפש ווי אזוי דו פירסט דיין שטוב; דו ווייסט דאך ווי שטארק אלע צדיקים פלעגן מרעיש עולמות זיין ״כל נדרי״ ביינאכט אויף צניעות, זיי האבן אזוי געוויינט ביז די ווענט האבן מיט געוויינט אז מען זאל אכטונג געבן אויף צניעות, דעריבער זאלסטו זיך יעצט מאכן א חשבון הנפש צו פאררעכטן דיין שטוב אז עס זאל זיך פירן בדרכי הצניעות.

אז דו ווילסט האבן ערליכע קינדער זאלסטו פאלגן וואס דער זוהר הקדוש זאגט וועגן זיך אפשערן די האר; דער זוהר הקדוש זאגט (נשא קכה:): ״׳תּוּנְבָא לֵיתֵי׳ א קללה זאל קומען, ׳עַל הַהוּא בַּר נָשׁ׳ אויף דעם מענטש, ׳דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ׳ וואס לאזט זיין ווייב,
~~~~~~~~~~~

'דִּתְתַחֲזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁה לְבַר' אז איר האר פון קאפ זאל זיך ארויסזען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָה', און דאס איז פון די יסודות פון א אידישע שטוב, אז מען זאל נישט זען די האר פון די פרוי; זאגט ווייטער דער הייליגער זוהר: 'וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁה לְבַר' און א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זיך שיין צו מאכן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' איז זי גורם אז עס זאל זיין ארימקייט אין שטוב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' און זי איז גורם אז אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' און זי איז גורם אז די ס"מ און די נישט גוטע זאלן זיין אין איר שטוב. 'מַאן גָּרִים דָּא?' ווער איז דאס אלעס גורם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' די פרוי וואס איר האר זעט זיך ארויס"; יעצט איז די צייט זיך צו מאכן א קבלה אראפ צו נעמען די האר, פארוואס דארף מעןווארטן חס ושלום אז די האר זאל אראפ קומען דורך קימא טערעפי רחמנא לצלן רחמנא לשזבן?! לאמיר פאלגן וואס אונזערע צדיקים האבן אונז געזאגט וועלן מיר זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות.

יעצט ערב יום כיפור דארף מען זיך מאכן א חשבון הנפש אויב מען האט ווי געטון א צווייטן איד. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פה:) "**עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר, עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵרוֹ**", אויף אלעם איז דער אייבערשטער מוחל אויב דער מענטש טוט תשובה, חוץ אויב מען טשעפעט א חבר וואס דעמאלט העלפט נישט קיין תשובה ביז מען בעט איבער דעם חבר; דארף מען זיך מתבונן זיין צי מען האט איינעם ווי געטון, ווייל אויב מען האט ווי געטון א צווייטן דארף מען אים איבער בעטן.

בפרט די אייגענע ווייב, וואס מענטשן זענען זייער מזלזל אין די מתנה וואס דער אייבערשטער האט זיי געגעבן, אבער יעצט ערב יום כיפור איז א צייט פון זיך איבער בעטן און זיך מאכן א חשבון הנפש, אפצולאזן אלע כלומר'ישע חברים און לעבן א לעבן צוזאמען מיט די ווייב און קינדער. מען דארף נישט זוכן צו זיין גערעכט און אויספירן, מען דארף האבן שכל צו וויסן אז אפילו מען פירט נישט אויס און מען איז נישט גערעכט איז מען נאך אלץ דער געווינער.

איך בעט דיר זייער: "זיי מיר מוחל!" גלייב מיר, איך וואלט ווען געוואלט זיצן אין א ווינקעלע און נישט האבן צוטון מיט קיינעם, אזוי פלעג איך טון אין אנהייב, ביז מוהרא"ש האט מיר געהייסן עפענען די ישיבה און לערנען מיט תלמידים וכו'. עס איז נישט קיין גרינגע זאך צו האבן צוטון מיט מענטשן, "כִּסְבוּרִים אַתֶּם שֶׁשְּׂרָרָה אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם? עַבְדוּת אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם (הוריות י:)". מענטשן מיינען אז דאס איז א חשיבות און א

גדלות, אבער באמת איז דאס א שווערע עבודה. דעריבער בעט איך דיר: זיי מיר מוחל אויף דעם וואס איך האב דיר וויי געטון. זיי מיר דן לכף זכות; גלייב מיר אז איך האב נישט קיין שום אייגענע אינטערעסע מיט דעם וואס איך שרייב דיר ווי אזוי זיך צו פירן, און מיט דעם וואס איך זאג דיר וכו׳, איך וויל נאר איין זאך: דו זאלסט האבן א גוט לעבן און אויפשטעלן ערליכע דורות.

דעריבער בעט איך דיר זאלסט מיר מוחל זיין; איך וויל נאר דו זאלסט לעבן א שיין לעבן מיט דיין ווייב און קינדער.

וויפיל דארף איך זיך בעטן ביי דיר דו זאלסט אפלאזן דיינע ׳פיינט׳ וואס זעען אויס ווי ׳פריינט׳; דו וועסט נאך זען ווי דיין כלומר׳ישע פריינט וועט דיר שטויסן אין פנים, ער וועט נישט וועלן רעדן מיט דיר, נאר דיין ווייב און קינדער - זיי וועלן בלייבן מיט דיר.

היינט נאכט וועט בעזר ה׳ זיין א שיעור; לייג אוועק די איין שעה א וואך וואס מיר אנשי שלומינו קומען זיך מחזק זיין מיט די עצות פון רבי׳ן, זע צו קומען צום שיעור זיך באנייען און זיך אויפפרישן מיט די חיזוק פון הייליגן רבי׳ן.

א גמר חתימה טובה.

...

~~~~~~~~~~

**דברי הכנה צו יום כיפור.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פ׳ האזינו, ט׳ תשרי, ערב יום הכיפורים, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

היינט איז נישט קיין צייט צו שרייבן לאנגע בריוון, דעריבער וועל איך דיר שרייבן בלויז געציילטע ווערטער.

מיר שטייען יעצט ביים שוועל פונעם הייליגסטן טאג פון יאר; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה ג, ח) אויפן פסוק (בראשית א, ה): וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד, ״שֶׁנָּתַן לָהֶם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹם אֶחָד, וְאֵיזֶה זֶה, יוֹם הַכִּפּוּרִים״, דער אייבערשטער האט געגעבן פאר די אידן איין טאג אינעם יאר - יום כיפור, וואס דעמאלט איז דער אייבערשטער מוחל אלע עבירות. א גאנץ יאר איז מען פארשווארצט פון עבירות אזוי ווי עס שטייט (שיר השירים א, ה) ״שְׁחוֹרָה אֲנִי״, אבער ״וְנָאוָה״ - בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים, יום כיפור ווערט מען ריין (מדרש שיר השירים רבה א, לו).
~~~~~~~~~~

זאג דיין ווייב זי זאל זיך נישט איבער שטרענגען; אויב זי האט נישט קיין כח צו קומען אין שול זאל זי בלייבן אין שטוב, זי זאל שלאפן וכו׳ כדי זי זאל האבן כח צו פאסטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע האבן א גמר חתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**אכטונג געבן צו באצאלן רענט און חובות און נישט בא׳גנב׳נען א צווייטן - אויף דעם איז יום כיפור נישט מכפר.**

בעזר ה׳ יתברך - יום ה׳ פ׳ האזינו, י״א תשרי, מחרת יום הכיפורים, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

חסדי השם אז מיר האבן זוכה געווען צו ווערן גערייניגט דעם יום כיפור פון אלע אונזערע זינד; דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א מתנה איין טאג אין יאר וואס ער פארגעבט אלע זינד פון אלע אידן וואס האלטן יום כיפור און גלייבן דערין, מיט דעם אלעם דארפסטו וויסן אז אויב מען איז שולדיג געלט פאר א צווייטן און מען מאכט זיך נישט וויסענדיג באקומט מען אויף דעם א גרויסער עונש.

מיר האבן נעכטן געבעטן דעם אייבערשטן ביי תפילת נעילה: ״אַתָּה נוֹתֵן יָד לַפּוֹשְׁעִים, וִימִינְךָ פְשׁוּטָה לְקַבֵּל שָׁבִים, וַתְּלַמְּדֵנוּ ה׳ אֱלֹהֵינוּ לְהִתְוַדּוֹת לְפָנֶיךָ עַל כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ, ׳לְמַעַן נֶחְדַּל מֵעֹשֶׁק יָדֵינוּ׳ וּתְקַבְּלֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ כְּאִשִּׁים וּכְנִיחוֹחִים״ וכו׳, נאכדעם האט מען נאכאמאל געבעטן: ״וַתִּתֶּן לָנוּ ה׳ אֱלֹהֵינוּ בְּאַהֲבָה אֶת יוֹם צוֹם הַכִּפֻּרִים הַזֶּה, קֵץ וּמְחִילָה וּסְלִיחָה עַל כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ, ׳לְמַעַן נֶחְדַּל מֵעֹשֶׁק יָדֵינוּ׳ וְנָשׁוּב אֵלֶיךָ לַעֲשׂוֹת חֻקֵּי רְצוֹנְךָ בְּלֵבָב שָׁלֵם״; עס איז נישט פארהאן נאך תפילות וואס מען בעט צוויי מאל ביי נעילה, זעט מען פון דעם די הארבקייט פון צו זיין שולדיג פאר א צווייטן געלט.

מוהרא״ש פלעגט אונז שטענדיג מזהיר זיין: ״רענט קומט פאר אלעס״, נישט דא אזא זאך מען זאל נישט צאלן רענט; רענט קומט פאר עסן, רענט קומט פאר קליידער, אלעס קען מען זיך שאפן, אבער אז דו וועסט נישט צאלן קיין רענט וועסטו נישט האבן קיין דירה.
~~~~~~~~~~

איך בעט דיר זייער זאלסט זען צו צאלן רעגט צייטליך און אכטונג געבן אויפן רבינ'ס נאמען; אז דו ווערסט זיך פירן ערליך בין אדם לחבריו וועלן אלע זאגן: "קוקט ווי שיין א ברסלב'ער חסיד פירט זיך". חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פו.) אויפן פסוק (דברים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" - זאלסט זען עס זאל ארויס קומען א קידוש השם דורך דיר, דער אייבערשטער זאל באליבט ווערן דורך דיר. ווייל ווען א מענטש פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין וואס זאגן מענטשן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואויל זענען זיינע עלטערן וואס האבן אים געלערנט תורה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואויל איז פאר זיין רבי וואס האט אים געלערנט תורה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", ווי איז פאר די מענטשן וואס לערנען נישט קיין תורה; אויף איינעם וואס פירט זיך ערליך זאגט מען: קוקט אן דעם מענטש, וויבאלד ער לערנט תורה פירט ער זיך אויף אזוי ערליך. אויף אים זאגט דער פסוק (ישעיהו מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דער אייבערשטער בארימט זיך מיט אזא איינעם.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן און מיר געפונען זיך אין היכל הקודש קודש הקדשים; מען דארף וויסן אז מען טראגט א גרויסע אחריות ווייל מען קוקט אונז נאך מיט טויזענט אויגן. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", ווער עס האט ליב דעם צדיק דארף אכטונג געבן עס זאל נישט ארויס גיין א שלעכטע נאמען אויפן צדיק; מענטשן קוקן נאך א ברסלב'ער חסיד זייער שטארק, יעדע ריר וואס דו טוסט גייט אויפן רבינ'ס נאמען; אז דו צאלסט רעגט צייטליך און דו גנב'סט נישט פון מענטשן קיין געלט, מאכט דאס א קידוש השם אויפן הייליגן רבי'ן און אויף מוהרא"ש, און אז נישט מאכט דאס א שלעכטע נאמען אויפן רבי'ן.

אסאך מאל קומט אויס אז מען האלט מיר פאר: "היתכן דיין תלמיד צאלט נישט קיין רענט?" אדער מען האלט מיר פאר: "דו האסט ביי דיר א מתפלל וואס איז מיר שולדיג געלט; ער האט געבארגט געלט, דער זמן הפרעון איז שוין אריבער און ער מאכט זיך נישט וויסענדיג, ער צאלט נישט". (איך וויל יענעם פרעגן: "ווער זאל איך רופן זאגן אז דער וואס איז דיר שולדיג רענט איז מיר אויך שולדיג וכו'? ווער קען איך פארהאלטן אז דער וואס איז דיר שולדיג א חוב, צאלט מיר אויך נישט קיין שכר לימוד וכו' און צאלט מיר נישט פאר אנדערע זאכן?") זעט מען ווי שטארק מען דארף אכטונג געבן נישט צו מאכן קיין חילול השם.

ערב ראש השנה אין אומאן נאכן פארלענען די גמרא שיעור האב איך זייער שטארק מעורר געווען אלע תלמידים - די אלע וואס האבן נישט קיין אייגענע דירות לעת עתה -

אז זיי זאלן צאלן רענט צייטליך, עס איז כדאי דו זאלסט אויסהערן דעם שיעור; אז מען צאלט נישט קיין רענט איז מען א פשוט׳ער גנב, עס העלפט נישט אויף דעם קיין תיקונים מיט קיין עבודות וכו׳ וכו׳, ווייל אז מען איז שולדיג געלט פאר א צווייטן און מען צאלט נישט איז מען א רשע, אזוי זאגט דוד המלך (תהילים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם", א רשע בלייבט שולדיג פאר א צווייטן.

מענטשן מיינען אז די וועלט איז הפקר, מען געדענקט נישט וואס דער הייליגער תנא זאגט (פאה ח, ט): "וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ צָרִיךְ לִטֹּל וְנוֹטֵל, אֵינוֹ נִפְטָר מִן הָעוֹלָם, עַד שֶׁיִּצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת וְכוּ׳, וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ לֹא חִגֵּר, וְלֹא סוּמָא, וְלֹא פִּסֵּחַ, וְעוֹשֶׂה עַצְמוֹ כְּאַחַד מֵהֶם, אֵינוֹ מֵת מִן הַזִּקְנָה, עַד שֶׁיִּהְיֶה כְּאַחַד מֵהֶם", אויב מען קומט יענעם געלט און מען צאלט נישט וועט מען נישט אוועק גיין פון דער וועלט ווי לאנג מען וועט אליינס ווערן א נצרך לבריות רחמנא לצלן; ווי אזוי ציטערט נישט א מענטש פון דעם?!

דער הייליגער רבי האט אונז אנגעזאגט (שיחות הר"ן, סימן נא) מיר זאלן נישט לעבן ווי א הפקר יונג, "כִּי יְכוֹלִים לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בְּלִי הֶפְקֵרוּת", מען קען זיין אן ערליכער איד אן קיין הפקירות.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עירובין סה:): "בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אָדָם נִיכָּר בְּכוֹסוֹ וּבְכִיסוֹ וּבְכַעֲסוֹ", מען קען דערקענען א מענטש צי ער איז ערליך דורך דריי זאכן, איינע פון די זאכן איז ווי ערליך ער איז ביים האנדלען מיט מענטשן; אסאך מאל קען מען זען מענטשן וואס זעען אויס זייער גוט אין בית המדרש, דארף מען אבער וויסן אז דארט קען מען נאך נישט זען דעם אמת, ווען מען זעט ווי אזוי ער פירט זיך אויף בדיני ממונות, ער געבט אכטונג אויף יענעמ׳ס געלט וכו׳, דעמאלט איז א סימן אז ער איז אן ערליכער איד.

דערפאר זאלסטו זייער אכטונג געבן נישט צו זיין שולדיג קיין איין פרוטה פאר א צווייטן; בפרט יעצט ווען מיר שטייען ממחרת יום הכיפורים אין טעג פון תשובה דארף מען קודם פאררעכטן און באצאלן וואס מען קומט פאר א צווייטן, בפרט פארן לענדלארד וכו׳.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות תשובה, סימן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", ווער עס וויל תשובה טון, זאל אכטונג געבן נישט צו זיין קיין בעל חוב; געב אכטונג אז דו זאלסט נישט אריין אינעם כלל פון (תהלים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם"; עס טוט מיר וויי צו הערן אז עס געפונען זיך ביי מיר תלמידים וואס זענען שולדיג רענט און מאכן זיך נישט וויסענדיג, און אזוי אויך חובות וכו׳.

איך האף דו ווערסט אננעמען מיינע ווערטער און דו ווערסט יעצט אנרופן דיין לענדלארד, אים איבער בעטן און מאכן מיט אים א פלאן ווי אזוי צו באצאלן; אזוי אויך די אלע מענטשן פארוועם דו ביסט שולדיג געלט.

דער אייבערשטער זאל אונז אפהיטן פון צורירן צו יענעמס געלט.

...

~~~~~~~~~~

**זיך אפגעבן מיט די חינוך פון די קינדער, און אכטונג געבן אויף זיי; דעם רבי'נס "סדר דרך הלימוד" איז דער גרעסטער מופת וואס קען זיין.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת האזינו, י"ב תשרי, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

חינוך איז די יסוד היסודות ביי אידישע קינדער; אז מען איז נישט מחנך די קינדער ווען זיי זענען נאך יונג קען מען זיי חס ושלום פארלירן. ווי יונגער מען איז מחנך די קינדער זיי זאלן זיך אויפפירן איידל וועט מען האבן נחת פון זיי, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות אות בנים, סימן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מען דארף אויסלערנען דאס קינד דרך ארץ ווען ער איז נאך יונג.

פון היינט ביז נאך סוכות זענען די קינדער אן קיין חדר; דארפן די עלטערן אכטונג געבן אויף זיי, די קינדער זאלן דאווענען און לערנען יעדן טאג, אזוי אויך דארף מען אכטונג געבן אויף די קינדער וואו זיי זענען און מיט וועם זיי דרייען זיך.

יעצט קומט יום טוב ווען מען זיצט במשך גאנצעטע שעות אין שול, דארף מען אכטונג געבן אויף די קינדער מיט וועם זיי דרייען זיך אינדרויסן; מען קען קיינמאל נישט וויסן וואס פאסירט מיטן קינד בשעת ער דריידט זיך אינדרויסן, עס איז דא קראנקע מענטשן וואס לאקערן אויף קינדער רחמנא לצלן.

אין שלחן ערוך שטייט (אורח חיים, סימן תרנז, סעיף א): "קָטָן הַיּוֹדֵעַ לְנַעֲנֵעַ לוּלָב כְּדִינוֹ - אָבִיו חַיָּיב לִקְנוֹת לוֹ לוּלָב, כְּדֵי לְחַנְּכוֹ בְּמִצְוֹת", מען דארף קויפן פאר די קינדער ד' מינים זיי מחנך צו זיין במצות; ביי אונז פירט מען זיך אז אלע האבן אייגענע ד' מינים אפילו די גאר קליינע קינדער. עס זענען דא פלעצער וואס מען פירט זיך נישט אזוי, דאס איז ווייל אמאל איז געווען א טייערע זאך צו האבן אייגענע ד' מנים, אזוי ווי דער ערוך השלחן זאגט (סימן תרנז, סעיף ב): "אֲבָל אֶצְלֵנוּ - הַלְוַאי שֶׁיְּהֵא בְּיַד מִשְׁפָּחָה אַחַת לִקְנוֹת לְעַצְמָם הָאַרְבָּעָה מִינִים, וְגַם זֶה אֵינוֹ מָצוּי"; דעריבער האט מען נישט געקויפט. עס איז
~~~~~~~~~~

א שאד אז די קינדער זאלן נישט מיט האלטן אלע תפילות א גאנץ יום טוב סוכות - הלל, נענועים און הושענות.

אזוי אויך שלאפט מען מיט די קינדער אין די סוכה; אזוי וואקסן זיי אויף מיט די הייליגע מצוות, אזוי וועלן זיי דאס שפעטער אויך מקיים זיין.

חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (תנא דבי אליהו, פרק יג): "מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁהָיָה עוֹמֵד הוּא וּבְנוֹ בְּבֵית הַכְּנֶסֶת; וְכָל הָעָם הָיוּ עוֹנִין אָמֵן וְהַלְלוּיָהּ אַחַר הָעוֹבֵר לִפְנֵי הַתֵּיבָה, וּבְנוֹ עוֹנֶה דְּבָרִים שֶׁל תִּפְלוּת, וְלֹא אָמַר לוֹ אָבִיו שׁוּם דָּבָר". עס איז געווען אמאל יום טוב סוכות אין שול, אלע מתפללים האבן שיין געדאווענט הלל, און עס איז געווען א איד וואס זיין זון האט נישט געדאווענט און נישט געזאגט הלל, נאר ער האט גערעדט ניבול פה וכו' אין שול הויעך פאר אלעמען. "וְאָמְרוּ לוֹ הַבְּרִיּוֹת שֶׁיִּמְחֶה בִּבְנוֹ, וְהֵשִׁיב וְאָמַר לָהֶם: 'מָה אֶעֱשֶׂה לוֹ? תִּינוֹק הוּא! יְשַׂחֵק!'" מענטשן זענען געגאנגען רעדן צו דעם איד ער זאל אכטונג געבן אויף זיין זון, מען האט אים געזאגט: "געב אכטונג אויף דיין זון, ער דאווענט נישט און ער רעדט שמוציג וכו'", דער איד האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט, ער האט געזאגט: "ס'איז גארנישט, ער איז נאך א קינד", "שׁוּב לְמָחָר עָשָׂה כֵּן, כָּל אוֹתָן יְמֵי הֶחָג עָנָה בְּנוֹ דְּבָרִים שֶׁל תִּפְלוּת וְלֹא אָמַר לוֹ אָבִיו שׁוּם דָּבָר". אזוי איז געווען א גאנץ יום טוב סוכות, טאג נאך טאג, מען האט אים געבעטן ער זאל אכטונג געבן אויף זיינע קינדער, אבער ער האט אלץ געזאגט: "ס'איז גארנישט, ער איז נאך א קינד", "לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה לֹא שְׁנִיָּה וְלֹא שְׁלִישִׁית עַד שֶׁמֵּתוּ אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו וּבֶן בְּנוֹ וְיָצְאוּ לוֹ חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה נְפָשׁוֹת בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, וְלֹא נִשְׁתַּיֵּר לוֹ אֶלָּא שְׁנֵי בָּנִים: אֶחָד חִגֵּר וְסוּמָא וְאֶחָד שׁוֹטֶה וְרָשָׁע". פירט אויס אליהו הנביא: עס איז נישט אריבער אפאר יאר ביז זיין גאנצע משפחה איז אים אויסגעשטארבן און עס איז נאר געבליבן צוויי קינדער - איינער א בלינדער און א הינקעדיגער, און א קינד א שוטה א רשע; זעט מען פון דעם אז מען דארף מחנך זיין קינדער אפילו ווען זיי זענען נאך גאר קליין.

איך בעט דיר זייער זע צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג; עס איז נישט דא נאך א זאך וואס זאל פארברענען אלע קליפות אזוי ווי לימוד גמרא. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל־כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", ווען א מענטש לערנט גמרא פארברענט ער די קליפה וואס ווארפט אראפ א מענטש אין פגם הברית און דאס ראטעוועט דעם מענטש נישט אראפצופאלן אין די עקלדיגע עבירה; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט, דאך זאלסטו זאגן די ווערטער, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מען דארף נישט

פארשטיין דאס לערנען, מען דארף נאר לערנען - זאגן די ווערטער, 'וּמְמֵילָא יָבִין' און מען וועט שוין סיי ווי פארשטיין; אז מען פאלגט דעם רבי'ן איז מען זוכה אז דער קאפ עפענט זיך אויף און במשך הזמן הייבט מען אן צו פארשטיין. איך האב דאס געזען ביי אסאך בחורים און אינגעלייט וואס האבן געפאלגט דעם רבי'ן בתמימות ובפשיטות.

פאר מען הייבט אן לערנען אויפן "דרך הלימוד" פונעם רבי'ן זוכט מען ראיות, מען וויל זיכער מאכן אז עס הייסט געלערנט, אבער ווי נאר דער מענטש הייבט אן לערנען אויפן "סדר דרך הלימוד" דארף ער שוין נישט קיין שום ראיות צי עס הייסט געלערנט צי נישט, מען קוקט זיך אליין אן און מען זאגט: "**א ראיה בין איך**", אזוי ווי ר' נחמן טולטשינער פלעגט זאגן ווען מען פלעגט אים בעטן ער זאל דערציילן א מופת פון ר' נתן, פלעגט ער זאגן: "א מופת בין איך; פון 'נחמן וואסער טרעגער' איז געווארן 'ר' נחמן טולטשינער'".

ר' נחמן טולטשינער האט אמאל אלץ יונגער בחור געהערט ווי ר' נתן זאגט תורה, און אינמיטן די תורה האט ר' נתן געזאגט די ווערטער: "**די וועלט איז נישט, און מען קען זי נישט באקומען, תורה ותפילה איז יא, און מען קען עס באקומען**"; די ווערטער איז אים אריין אין הארץ און ער האט זיך אנגעהויבן צו דרייען ביי ר' נתן, ווען ר' נתן האט געזען אז ער האט אין זיך אסאך תמימות האט ער אים מקרב געווען און אים געזאגט ווי אזוי ער זאל לערנען וכו', ביז ער איז געווארן ר' נחמן טולטשינער זכרונו לברכה.

דאס זעלבע איז ווען א מענטש הייבט אן צו פאלגן דעם הייליגן רבי'ן, ער נעמט א משניות און הייבט אן זאגן א פרק נאך א פרק, ער ענדיגט איין מאל משניות און נאכאמאל משניות; ער נעמט א גמרא און הייבט אן לערנען בלעטער גמרא אפילו אן פארשטיין - דער מענטש דארף שוין נישט קיין ראיות צי עס איז יא געלערנט אדער נישט, אים אינטערעסירט שוין נישט וואס דער זאגט וואס יענער זאגט, וואס דער רבי האלט און וואס דער מפורסם זאגט, ער שרייט: "**א ראי' בין איך!**" "**א מופת בין איך!**" פון מיר - וואס איך האב נישט געלערנט און אפילו נישט געוויסט די נעמען פון די מסכתות - איז געווארן איינער וואס לערנט ברוך השם, איך פארפעל נישט קיין איין טאג פון מיינע שיעורים.

א פרייליכן שבת!

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## זייט איך בין געווען אין אומאן, בין איך גאר ערגער געווארן, וואס טו איך?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

פאר דריי יאר צוריק בין איך געוואויר געווארן פון הייליגן רבי'ן, איך בין געפארן קיין אומאן ווייל איך בין געווען זייער דערביטערט און פארווייטאגט אויף מיינע שלעכטע מעשים, איך האב נישט געגלויבט אז איך וועל אפילו האבן אן הרהור תשובה, אבער פאקטיש בין איך זייער נתעורר געווארן לתשובה ביים ציון הקדוש, און למעשה בין איך שוין געווען דריי מאל ביים ציון, צוויי דערפון אום ראש השנה, און איך האף צו פארן אויך אויף די קומענדיגע ראש השנה בעזר ה'.

איך שפיר אבער אז זייט איך בין געווען ביים ציון בין איך נאר ערגער געווארן, אמת טאקע אז אן התעוררות און א רצון האב איך באקומען ביים ציון, עס טוט מיר שוין וויי מיינע עבירות, און דער רבי געבט מיר א האפענונג אז איך וועל נאך אמאל ווערן גוט, אבער פאקטיש בין איך ממש ווי געבינדען אין קייטן ביים יצר הרע, ווען עס קומט מיר אונטער א נסיון איז מיר ממש נישט מעגליך זיך צוריקצוהאלטן, אפשר קענט איר מיר געבן אן עצה וואס צו טון?

א גרויסן יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת נצבים, כ״ב אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו האסט זוכה געווען צו זיין ביים הייליגן רבינ׳ס ציון אין אומאן און זאגן דארט דעם תיקון הכללי; דער רבי האט צוגעזאגט (חיי מוהר״ן, סימן רכה) ווער עס וועט קומען צו זיין ציון, ער וועט זאגן דעם תיקון הכללי, די צען קאפיטלעך תהילים (קאפיטל - ט״ז, ל״ב, מ״א, מ״ב, נ״ט, ע״ז, צ׳, ק״ה, קל״ז, ק״נ) און געבן א פרוטה לצדקה פאר זיין זכות, אפילו ער האט געטון די הארבסטע עבירות, ״וועל איך מיר לייגן אויף די לענג און אויף די ברייט, אים א טובה צו טון, ביי די פיאות וועל איך אים ארויס נעמען פון שואל תחתית״.

דאס וואס דו שפירסט אז זייט דו ביסט מקורב געווארן צום הייליגן רבי׳ן פאלסטו אראפ מער און מער, דאס איז ווייל פאר דו האסט זיך דערוויסט פון הייליגן רבי׳ן ביסטו געווען אין א הסתר שבתוך הסתר, דו האסט בכלל נישט געוויסט אז דו טוסט שלעכטס. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן נו): עס איז דא אמאל וואס דער אייבערשטער איז

באהאלטן פונעם מענטש "בְּהַסְתָּרָה תּוֹךְ הַסְתָּרָה", אין א דאפעלטע באהעלטעניש, "דְּהַיְנוּ שֶׁהַהַסְתָּרָה בְּעַצְמָהּ נִסְתֶּרֶת מִמֶּנּוּ דְּהַיְנוּ שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִסְתָּר מִמֶּנּוּ", דאס אליינס אז ער איז ווייט פונעם אייבערשטן איז פון אים פארהוילן, "אֲזַי אִי אֶפְשָׁר כְּלָל לִמְצֹא אוֹתוֹ מֵאַחַר שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ער זוכט בכלל נישט אויף דעם אייבערשטן ווייל ער ווייסט נישט אז עפעס פעלט אים, נאר ווען דער מענטש קומט צום צדיק נעמט דער צדיק אראפ דעם ערשטן הסתר, מען הייבט אן שפירן און זען וואס מען טוט אלץ, מען הייבט אן זען ווי ווייט מען איז פון די קדושה, וויפיל מען דארף אלץ מתקן זיין, דעמאלט הייבט מען אן זוכן א וועג דאס אלעס צו פאררעכטן.

מענטשן פרעגן פארוואס די ברסלב׳ע אידן זענען שטענדיג פארנומען מיט שמחה, זיי זוכן וועגן זיך פרייליך צו מאכן, אנדערע חסידים זענען נישט אזוי פארנומען זיך פרייליך מאכן; דער תירוץ איז אז וויבאלד מיר האבן דעם רבי׳ן וואס נעמט אראפ דעם ערשטען הסתרה הייבט מען אן זען ווי אזוי מען זעט אויס, מען הייבט זיך אן צו פרעגן: "וואו בין איך אויף דער וועלט?" ביז מען איז זוכה אלעס צו פאררעכטן.

דעריבער זאלסטו נישט זאגן אז דו ווערסט נאר ערגער וכו׳; דאס איז נאר ווייל יעצט האט דיר דער רבי אויפגעוועקט פון דיין טיפן שלאף, דערפאר הייבסטו אן צו זען וואס עס טוט זיך מיט דיר. דו שרייבסט דאך אליינס אז דו האסט נישט געטראכט פאר דעם אז דו וועסט נאך זוכה זיין צו האבן הרהורי תשובה, נאר ווען דו ביסט געקומען קיין אומאן האט זיך דיר געעפענט דיין הארץ און דו האסט תשובה געטון אויף אלע דיינע מעשים, און יעדע מאל דו לערנסט די ספרים פון הייליגן רבי׳ן ברענגט דאס אריין אין דיר א האפענונג, דעריבער זאלסטו אודאי קומען קיין אומאן אויף ראש השנה וועסטו זוכה זיין ארויס צו קריכן פון דיין טיפע בלאטע און אלעס פאררעכטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...|

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## וואס טוט מען ווען מ׳איז אמאל א גלח און אמאל א מלאך?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין בטבע א מענטש וואס מ'רופט "אמאל א גלח און אמאל א מלאך", אסאך מאל פיל איך מורא'דיג דערהויבן, איך שפיר אז איך בין נאנט צום אייבערשטן, אבער אסאך מאל פיל איך זייער ווייט פונעם אייבערשטן.

געווענליך ווען אייבערשטער שפיר אמת'דיג דערהויבן, כאפ איך נאכדעם אזא שטארקע קלאפ אז איך פאל ממש אריין אין שאול תחתית, און דעמאלט טראכט איך אז אפשר לוינט זיך בכלל נישט צו זיין נאנט צום אייבערשטן אויב קומט נאכדעם אזא קלאפ, לא מדובשך ולא מעוקצך.

אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א מיר געבן אן עצה וואס צו טון?

א גרויסן יישר כח

שמעון

### תשובה:

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת נצבים, כ״ד אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן לכבוד שמעון נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דעם הייליגען רבינ׳ס ספרים איז די עצה פאר דיר; דער רבי איז מחזק א מענטש אז מען זאל נישט ווערן צעפאלן ווען מען זעט זיך נאכאמאל אין די הענט פונעם יצר הרע, נאר מען זאל ווייטער דינען דעם אייבערשטן.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן רסא): ״כְּשֶׁנּוֹפֵל אָדָם מִמַּדְרֵגָתוֹ יֵדַע שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם הוּא״, ווען א מענטש שפירט ווי ער פאלט אראפ פון זיין מדריגה זאל ער וויסן דאס איז פון הימל, ״כִּי הִתְרַחֲקוּת תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּת״, ווייל דאס איז דער וועג ווי אזוי מען איז מקרב דעם מענטש צום אייבערשטן, ״עַל כֵּן נָפַל, שֶׁיִּתְעוֹרֵר יוֹתֵר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״, דאס וואס מען שפירט זיך אראפגעפאלן איז נאר אז מען זאל זיך מער דערנענטערן צום אייבערשטן, ״וַעֲצָתוֹ שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה׳ כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כְּלָל מֵעוֹלָם״, די עצה איז מען זאל אנהייבן דינען דעם אייבערשטן פונדאסניי כאילו מען האט נאך קיינמאל נישט עוסק געווען אין דעם, ״וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה׳ שֶׁצְּרִיכִין מַמָּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ״, זיך כסדר באנייען איז א גרויסע יסוד אין עבודת השם, מען זאל שטענדיג אנהייבן פון פריש צו דינען דעם אייבערשטן, און ר׳ נתן פירט אויס: ״וְעַיֵּן עִנְיָן זֶה עוֹד בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת בְּסִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה,

כַּמָּה צָרִיךְ הָאָדָם לְהִתְחַזֵּק בַּעֲבוֹדַת ה׳ וְלִבְלִי לִפֹּל מִשּׁוּם דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם, רַק לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ״, לערן דעם רבינ׳ס ספרים וועסטו זען ווי סאך מען דארף ארבעטן אויף דער נקודה - זיך כסדר אויפצופרישן און זיך נישט לאזן צעברעכן פון קיין שום זאך אויף דער וועלט. עַיֵּן הֵיטֵב בְּעִנְיָן זֶה, וְיֶעֱרַב לְךָ לָעַד.

מאך זיך א שיעור אין הייליגן רבינ׳ס ספרים וועסטו נישט ווערן צעפאלן פון גארנישט; אפילו דו וועסט שפירן ווייטער ווי דו האלסט אין איין אראפ פאלן וכו׳ וועסטו דאס נישט אנקוקן ווי א נפילה. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן כה): ״וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה׳״, מענטשן זענען זיך טועה, עס דאכט זיך זיי ווי זיי פאלן אראפ פון זייער עבודת השם, ״וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ״ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לַחֲזֹר וּלְהַכְנִיעַ וּלְשַׁבֵּר הַקְּלִיפּוֹת וְהַמְּנִיעוֹת וְכוּ׳ שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה וּמַדְרֵגָה מֵחָדָשׁ, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל כַּנַּ״ל״, דאס איז נאר ווייל מען דארף גיין העכער און העכער אין עבודות השם און כדי צו קענען גיין העכער דארף מען אראפ גיין, מען דארף זיך נאכאמאל שטארקן אויף אלע קליפות וואס דאס זענען די אלטע מעשים וואס מען האט געטון, דעריבער זעט דאס אויס ווי מען איז אראפ געפאלן, אבער באמת איז דאס נישט קיין נפילה.

דער עיקר זאלסטו זיך צוגעוואוינען זיך אויס צו רעדן דיין הארץ צום אייבערשטן, הער נישט אויף אים צו בעטן: **״באשעפער איך וויל זיין גוט״**; הער נישט אויף צו זאגן: **״טאטע איך וויל זיין אן ערליכער איד, עס איז מיר אזוי שווער, וויפיל איך פרוביר פאל איך צוריק״**. וויסן זאלסטו אז יעדעס ווארט וואס מען בעט דעם אייבערשטן גייט ארויף אויבן אין הימל. נאך מער שטייט אין זוהר הקדוש (תרומה קנ:) אז קיין איין גוטע ווילן ווערט נישט פארלוירן פונעם אייבערשטן; ווען א מענטש זעט אז ער איז נאך ווייט פון קדושה זאל ער בענקען און האפן צו זיין גוט, ווארטן און וועלן זיין ערליך, ביז ער וועט זוכה זיין צו זיין שטארק און דינען דעם אייבערשטן זיין גאנץ לעבן, איז דאך זיכער אז קיין איין תפילה ווערט נישט פארפאלן, עס נעמען זיך צוזאמען אלע גוטע ווערטער ביז מען איז זוכה אנצוקומען צו אלע מדריגות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**דער ענין צו רעדן ווייניג אום ראש השנה, איז אויך ביים רעדן צום אייבערשטן?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

דאס וואס דער רבי זאגט אז מ'זאל ווי ווייניגער רעדן אום ראש השנה, מיינט אויך מ'זאל ווייניג רעדן צום אייבערשטן אום ראש השנה?

אפרים

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת נצבים, כ״ד אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אפרים נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן כא): ״בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן, צְרִיכִין לְמַעֵט בְּדִבּוּר מְאֹד מְאֹד״, ראש השנה דארף מען זייער אכטונג געבן צו רעדן וואס ווייניגער, ״וְאָמַר: שֶׁאָדָם גָּדוֹל צָרִיךְ לְדַקְדֵּק בָּזֶה בְּיוֹתֵר״, נאך האט דער רבי געזאגט אז א גרויסער מענטש דארף נאך מער אכטונג געבן נישט צו רעדן קיין איין איבעריגע ווארט ראש השנה, ״עַל־כֵּן הוּא אֵינוֹ אוֹמֵר בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן אֲפִלּוּ הַפִּיּוּט, רַק מַה שֶּׁיָּסַד רַבִּי אֶלְעָזָר הַקָּלִיר, אֲבָל שְׁאָר הַפִּיּוּט אֵינוֹ אוֹמֵר, מֵחֲמַת שֶׁאָדָם גָּדוֹל צָרִיךְ לְדַקְדֵּק אָז בְּיוֹתֵר לִבְלִי לְדַבֵּר שׁוּם דִּבּוּר שֶׁאֵינוֹ מֻכְרָח״, דעריבער האט דער רבי זיך געפירט נישט צו זאגן די אלע פיוטים ראש השנה, ער האט נאר געזאגט נאר די פיוטים וואס דער הייליגער רבי אלעזר הקליר האט מתקן געווען, ווייל ראש השנה דארף מען זייער אכטנג נישט צו רעדן נאר וואס מען מוז.

אזוי פירן זיך טאקע אלע אנשי שלומינו מדור דור נישט צו רעדן ראש השנה; מען איז מקבל אויף זיך א ׳תענית דיבור׳ אויף גאנץ ראש השנה, ווייל ראש השנה איז מען דן דעם מענטש אויף אלע זיינע מעשים, און דער רבי זאגט בשם דעם הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו אז פאר מען איז גוזר א גזירה אויפן מענטש שטעלט מען פאר דעם מענטש ער זאל זיך אליינס פסק׳נען און דער מענטש פסק׳נט וואספארא שטראף מען זאל אים געבן (עיין ליקוטי מוהר״ן חלק א, סימן קיג) דאס הייסט דער מענטש שמועסט פון אנדערע, ער דערציילט וואס א צווייטער האט געטון, פרעגט אים איינער: ״וואס זאגסטו אויף דעם?״ און ער פסק׳נט אפ אז מען דארף יענעם געבן אזאנס און אזעלעכס, ער כאפט נישט אז ער האט זיך יעצט אליינס גע׳פסק׳נט. דער אייבערשטער הערט צו יעדעס ווארט וואס א מענטש רעדט אויף א צווייטן, און אזוי שטראפט מען דעם מענטש

זעלבסט. דעריבער דארף מען זייער אכטונג געבן נישט צו רעדן אויף א צווייטן א גאנץ יאר, בפרט ראש השנה וואס דעמאלט זענען די ספרי חיים און ספרי מתים אפען (ראש השנה לב:); דעריבער פירן זיך אנשי שלומינו נישט צו רעדן א גאנץ ראש השנה. וואויל איז דעם וואס פירט זיך מיט די הנהגה.

אבער ווען עס קומט צו רעדן צום אייבערשטן דעמאלט איז 'כל המרבה בתפילה הרי זה משבח', ווי מער מען רעדט צום אייבערשטן און מען בעט אים ער זאל רחמנות האבן איז מען מער פארזיכערט צו האבן א גוט יאר.

ראש השנה איז א צייט וואס מען קען פועל'ן גרויסע ישועות; חכמינו זכרונם לברכה רעכענען אויס גרויסע ניסים וואס האט אלץ פאסירט אום ראש השנה (ראש השנה יא.) ראש השנה זענען די הייליגע אמהות שרה אמינו, רחל אמינו און חנה נפקד געווארן מיט קינדער; ראש השנה איז יוסף ארויס פון תפיסה; ראש השנה האט זיך אויפגעהערט די ארבעט פאר די אידן אין מצרים; ראש השנה איז א צייט וואס מען קען פועל'ן קינדער, ערליכע קינדער און נחת פון די קינדער; ראש השנה קען יעדער איינער זוכה זיין ארויס צו גיין פון זיין אייגענע תפיסה, אזוי ווי יוסף הצדיק איז ארויס פון תפיסה; ראש השנה קען מען פועל'ן פרנסה בניקל, מען זאל נישט דארפן ארבעטן אזוי ביטער שווער, אזוי ווי די שיעבוד מצרים האט זיך אויפגעהערט ראש השנה.

מיר געפונען ביי חנה - שמואל הנביא'ס מאמע אז זי איז געהאלפן געווארן ראש השנה, נאר ווייל זי האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (שמואל-א א, יב): "וְהָיָה כִּי הִרְבְּתָה לְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי ה'", חנה האט אסאך געדאווענט צום אייבערשטן פאר קינדער ביז זי איז געהאלפן געווארן, זאגן אויף דעם חכמינו זכרונם לברכה (ירושלמי ברכות פרק ד, הלכה א): "שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה בִּתְפִלָּה נֶעֱנֶה"; פון דא זעט מען אז דורכדעם וואס מען דאווענט און מען בעט אסאך דעם אייבערשטן ווערט מען געהאלפן.

זעט מען אז ראש השנה איז א צייט וואס מען קען פועל'ן מיט אסאך תפילה אלע ישועות.

דער אייבערשטער זאל אונז געבן א גוט יאר, אידישע קינדער זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן - יעדער איינער פון זיין אייגענע גלות, און מיר זאלן שוין אלע זוכה זיין צו די גאולה כלליות.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**וואס איז דער מנהג אין ברסלב וועגן רעדן ביים דאווענען ?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איז דא ערגעץ וואו אין די ברסלב'ע ספרים וואו עס ווערט געברענגט וועגן דעם ענין פון נישט רעדן ביים דאווענען וכדומה?

אשר

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת האזינו, ז׳ תשרי, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד אשר נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אין ברסלב איז דער ספר המנהגים דער שלחן ערוך!

עס איז באוויסט דעם סיפור אז א איד איז געקומען צום הייליגן רבי׳ן מיט זיינע חידושים וואס ער האט מחדש געווען אויף א תורה אין ליקוטי מוהר״ן, האט דער רבי זיך אנגערופן און געזאגט: ״איר מעגט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי איר ווילט (דאס מיינט, איר קענט זאגן אלע סארט פשטים אין מיינע תורות), מיט איין תנאי, אז איר זאלט נישט אפטרעטן פון א סעיף קטן אין שלחן ערוך״; ווייל ביים רבי׳ן איז געווען דער עיקר אז מען זאל נישט אוועק גיין פון הלכה.

וואס דארף מען מער פון דעם וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ל:): ״אֲפִלּוּ הַמֶּלֶךְ שׁוֹאֵל בִּשְׁלוֹמוֹ - לֹא יְשִׁיבֶנּוּ״, מען טאר נישט מפסיק זיין אינמיטן דאווענען צו רעדן מיט איינעם, אפילו א קעניג באגריסט דעם מענטש טאר מען אויך נישט ענטפערן, ״וַאֲפִלּוּ נָחָשׁ כָּרוּךְ עַל עֲקֵבוֹ - לֹא יַפְסִיק״, און אפילו א שלאנג איז ארום זיינע פוס טאר מען אויך נישט מפסיק זיין; און אודאי סתם צו רעדן איז זיכער אן איסור. אזוי ווערט גע׳פסק׳נט אין שלחן ערוך (אורח חיים, סימן צו), אז בשעת׳ן דאווענען טאר מען נישט רעדן און נישט טון קיין שום זאך וואס נעמט אוועק די מחשבה פונעם דאווענען.

אז דו ווילסט וויסן די הארבקייט פון רעדן ביים דאווענען, קוק וואס דער הייליגער זוהר זאגט (זוהר ואתחנן, רסו:): ״וּמָאן דְּאִשְׁתָּעֵי בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא״, ווער עס שמועסט אין שול בשעת׳ן דאווענען, ״וַוי לֵיהּ דְּאַחְזֵי פְּרוּדָא״, וויי פאר אים אז ער טיילט זיך אפ פונעם אייבערשטן, ״וַוי לֵיהּ דְּגָרַע מְהֵימְנוּתָא״, וויי פאר אים אז ער גייט אוועק פון די אמונה, ״וַוי לֵיהּ דְּלֵית לֵיהּ חוּלָקָא בֶּאֱלָהָא דְּיִשְׂרָאֵל״, וויי פאר אים אז ער האט נישט קיין חלק באלוקי ישראל, ״דְּאַחְזֵי דְּלֵית לֵיהּ אֱלָהָא״, ער ווייזט אז עס איז נישט דא קיין

באשעפער, "וְלָא אִשְׁתְּכַח תַּמָּן", אז דער אייבערשטער געפונט זיך נישט אין שול, "וְאַנְהִיג קְלָנָא בְּתַקִּיפָא עִלָּאָה", דעריבער פירט ער זיך מיט קלות און ער גרינגשעצט אינעם אייבערשטן; זעט מען פון דעם ווי הארב עס איז צו רעדן ביים דאווענען.

מען דארף זייער אכטונג געבן ווען מען קומט אין שול נישט צו רעדן ביים דאווענען, אויך צוליב חינוך הבנים; ווייל ווען קינדער זעען ווי דער טאטע שמועסט ביים דאווענען ווערט ביי זיי ביליג דאס גאנצע דאווענען, ביז זיי ווילן אינגאנצן אפלאזן דאס דאווענען. דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן נישט צו רעדן בשעת'ן דאווענען.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א גמר חתימה טובה.

...

~~~~~~~~~~~

**וואס טוט מען מיט א פראבלעם אין די אויגן?**

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כל וויל איך אייך דאנקען אויף די געוואלדיגע חיזוק און עצות וואס איר געבט, סיי ביי די דרשות און סיי ביי די בריוו.

איך האט ב"ה חתונה געהאט שוין א שיינע פאר יאר, א וואוילע ווייב מיט ליכטיגע קינדערלעך, דער פראבלעם איז אבער אז מיין ווייב ליידט פון א געוויסע געזונטהייט פראבלעם אין די אויגן, און דאס שטערט זייער שטארק אונזער לעבן. מיין ווייב האט גאר גרויס דרוק פון דעם פראבלעם, און איך ארבעט זייער שווער פאר פרנסה פון פארטאגס ביז זיבענע ביינאכט, און מיט דעם אלעם מוטשע איך זיך אהיימצוברענגען ברויט אין שטוב, ווייל די אלע דאקטורים און טערעפי קאסט אפ שווערע געלטער, און מיר זעען נישט קיין ישועה.

איך דארף פשוט האבן וויכטיג חיזוק אז איך זאל נישט משוגע ווערן פון אזויפיל לחץ, איך האף איר וועט מיר קענען מחזק זיין, און מתפלל זיין פאר מיר.

א גרויסן יישר כח, לוי

## תשובה:

בעזרת ה' יתברך

יום א' פרשת וזאת הברכה, י"ד תשרי, ערב חג הסוכות, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד לוי נרו יאיר.**
~~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

נעם די רפואה פון הייליגן רבי'ן; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ראיה, סימן י): "הִסְתַּכְּלוּת עַל אֶתְרוֹג הוּא רְפוּאָה לִכְאֵב עֵינַיִם", קוקן אויפן אתרוג איז א רפואה פאר אויגן ווייטאג; דעריבער פירן זיך אנשי שלומינו ברסלב'ע חסידים צו קוקן אויף די אתרוג דורכאויס דעם גאנצן יום טוב סוכות כדי צו האבן א רפואה אויף די אויגן - ברוחניות ובגשמיות. זאג דיין ווייב זי זאל קוקן אויפן אתרוג, אזוי וועט זי האבן א רפואה אויף די אויגן, זי וועט ארויס גיין פון אלע פראבלעמען און פון אלע לחצים.

נעמט אריין דעם אייבערשטן אין אייער לעבן וועט איר אוועק נעמען פון זיך אלע דינים; דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות המתקת הדין, סימן יד): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ כְּאֵב עֵינַיִם אוֹ כְּאֵב מֵעַיִם, בְּיָדוּעַ שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין עָלָיו", ווער עס האט אויגן ווייטאג אדער בויך ווייטאג איז א סימן אז דינים רוען אויף אים; די עצה אוועק צו נעמען דינים פון זיך - אז מען זאל אריין נעמען דעם אייבערשטן אינעם לעבן, מען זאל גלייבן אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט און עס איז נישט דא אזא זאך ווי טבע, מקרה, מזל, נאר אלעס קומט פון אים, דעמאלט ווערן בטל אלע דינים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות המתקת הדין, סימן כה): "מִי שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין עָלָיו, יִסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם עַל הַשָּׁמַיִם", אויב מען האט אויף זיך דינים זאל מען כסדר קוקן אויפן הימל; אזוי וועט מען זיך דערמאנען אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וואס ער פירט די גאנצע וועלט, ער מאכט אלעס און טוט אלעס, דעמאלט ווערט בטל אלע דינים און אלע שלעכטס.

אז מען נעמט אריין דעם אייבערשטן אינעם לעבן ווערן בטל אלע דינים און מען לעבט א חיים טובים. חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (סנהדרין סז:): א כישוף מאכער'ן האט געוואלט מאכן כישוף אויפן הייליגן אמורא רבי חנינא, האט איר רבי חנינא געזאגט: "אִי מִסְתַּיְּיעַת זִילִי עֲבִידִי, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ כְּתִיב", דו קענסט פראבירן מאכן כישוף וויפיל דו ווילסט איך האב אבער נישט מורא פון דיר, ווייל עס שטייט אין די תורה (דברים ד, לה): "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", עס איז גארנישט דא אויסערן אייבערשטן; זעט מען פון דעם אז ווען מען לעבט מיטן אייבערשטן ווערן בטל אלע דינים און אלע כישוף.

מאך פרייליך דיין ווייב וועט זי אויסגעהיילט ווערן פון אלע פראבלעמען; דו זיי איר טערעפיסט ווייל דו קענסט איר אויסהיילן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קכט.): "בְּרַתֵּיהּ דְּרַב חִסְדָּא טָבְלָה בְּגוֹ תְּלָתִין יוֹמִין שֶׁלֹּא בִּפְנֵי בַּעְלָהּ וְאִצְטְנִיאַתְּ, רבא'ס ווייב - זי איז געווען רב חסדא'ס טאכטער - האט זיך פארקילט; רבא איז דעמאלט נישט געווען אין שטוב ער איז געווען אין ישיבה אין פומבדותא, "וְאַמְטוּי לְעַרְסָה בַּתְרֵיהּ דְּרָבָא לְפוּמְבְּדִיתָא", האט מען איר געטראגן מיט איר בעט קיין פומבדיתא וואו רבא איז

געוועזן ראש ישיבה און זי איז אויסגעהיילט געווארן, עיין שם; זעט מען אז דער מאן איז דער וואס דארף מחזק זיין און פרייליך מאכן די ווייב מיט גוטע ווערטער און מיט ליבשאפט, דעמאלט גייען אוועק אלע פראבלעמען און אלע קראנקהייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן דיין ווייב זאל האבן א רפואה שלימה.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~